פאַרוועלקטע געלעגען,
פאַרוועלקטע געלעגען.

און האָב איך דערנאָך מיט די נעכטיגע בלומען
אין וואַלד זי באַגעגענט,
טאָ האָט זי זיך צאַרט, פון אַ טרויער באַנומען,
מיט מיר זיך געזעגענט —
אַוועק, ווי אַ טרוים, מיט די טריט מיט די ווייכע!
איך האָב עד היום
זי מער ניט געטראָפען, די ליליע די בלייכע,
פאַרטראָגען פון שטראָם,
פאַרטראָגען פון שטראָם.

דאָך אָפט, ווען איך לייען די יונגענקע לידער,
דערשיינט שטילערהייט
די ליליע, זיך רייטלענדיג צאַרט אזוי, ווידער
מיט וואַלד־בלומען גרייט —
ווי שמעקען מיר דאַן אין עראינערונג דופטיג
די בלימעלאַך אירע, וואָס וועלקען שוין ניט;
ווי וויהט זי מיר וואַלדיג און ליכטיג און לופטיג
אין ליד מיינעם מיט,
אַ ריטמישע, מיט.

איך טראָג אין געדעכניש דורך צייטען און רוימען
דעם דופט אירען נאָך,
דעם וואַלדיגען אָטעם פון יאַגדעס און שוואוימען,
פון סאָסנעס און מאָך,
דעם אויפפלאַם פון לידענשאַפט טוי־לייכט פאַרצויגען,
וואָס גליט איבער אָפגרונטען טיפע און וואַכט,
די זוכענדע ליפען, די בעטענדע אויגען,
אין איינזאַמער נאַכט,
אין איינזאַמער נאַכט.

### ש. ניגער

א. שלום שוואַרצבאַרד: „אין קריג מיט זיך אַליין“
אַרויסגעגעבען פון שוואַרצבאַרד קאָמיטעט, שיקאַגאָ, איל., 1933, 259 זייטען.

ב. שלום שוואַרצבאַרד: „אינ'ם לויף פון יאָהרען“
אַרויסגעגעבען פון שוואַרצבאַרד קאָמיטעט, שיקאַגאָ, איל., 1934, 364 זייטען.

אין שלום שוואַרצבאַרד'ם — שעהן אַרויסגעגעבענע — צוויי ביכער זיינען צונויפגעמישט אינאיינעם דריי זאַכען, און מען דאַרף יעדע פון זיי אָפשאַצען באַזונדער, אויב מען וויל וויסען דעם ווערט פון די שריפטען.

די דריי זאַכען זיינען: א) לירישע אויסגוסן; ב) זכרונות, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט'ן פרעמדען־לעגיאָן אין פראַנקרייך און מיט דער רעוואָלוציע, די פאָגראָמען, דעם בירגער־קריג אין רוסלאַנד; ג) מאַטעריאַלען, וואָס זיינען שייך צו דעם „נקמה־אַקט“, ווי שוואַרצבאַרד אַליין רופט אַז זיין דערשיסען פעטליורא'ן דעם 25טען מאַי, 1926.

די אַלע דריי זאַכען זיינען נישט פאַרנאַנדערגעטיילט ביי שוואַרצבאַרד'ן. פאַרקערט, מיר פיהלען אָפט, אַז זיי זיינען

צוקונפט, נאָוו׳ 1934



איינס. דער מענש, וואָס זוכט אַן אויסדרוק פאַר זיינע פערזענליכע איבערלעבענישען, — רופט עס, אויב איהר ווילט, דער לירישער מענש, — דער רעוואָלוציאָנערער קעמפער און דער נקמה־נעמער גיסן זיך צונויף און ווערען איין פּערזאָן. און נישט בלויז אין שוואַרצבאַרד'ן אַליין, אויך אין זיינע ביכער טרעפט, אַז די אַלע עלמענטען פאַראייניגען זיך. און נישט נאָר דאָס אַליין. מיר וועלען זעהן, ווי זיי אַלע העלפען אונז צו באַנעמען און צו באַלייכטען דעם אַקט, וואָס האָט שלום שוואַרצבאַרד'ן געמאַכט באַוואוסט און באַרימט אין דער וועלט. מיר וועלען זעהן, אַז זיי זיינען אַלע מאַטעריאַל פאַר שוואַרצבאַרד'ס ביאָגראַפיע — און דאָס איז אַ ביאָגראַפיע, וועלכע דאַרף געשריבען ווערען, — און נישט נאָר פון אַ נאַציאָנאַל־העראָאיסטישען, אויך פון אַן אַלגעמיינעם סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישען שטאַנדפּונקט...

דער ביאָגראַף וועט זיך פריהער ווי אַלץ אָפּשטעלען אויף דעם ל י ר י ק ע ר אין שוואַרצבאַרד'ן. און ווען איך זאָג „ליריקער", מיין איך נישט דוקא איינעם, וואָס שרייבט לידער. מען קאָן האָבען אַ ליריש געמיט — און ניט זיין קיין שרייבער. מען קאָן זיין שטאַרק ליריש — און שרייבען שוואַכע לידער. אַ פּאַסיגער ביישפּיל דערצו איז טאַקע שלום שוואַרצבאַרד אַליין. אין יאָהר 1920 האָט ער אין פּאַריז, — אונטער'ן פּסעוודאָנים „בעל החלומות", — פאַרעפענטליכט אַ זאַמלונג לידער. „טרוימען און ווירקליכקייט" האָט זי געהייסען. איז אין'ם בוך פאַראַן ווייניגער לירישקייט, ווי אין'ם פאָרפאָסער, און די באַדייטונג פון די פערזען באַשטעהט טאַקע אין דעם, וואָס זיי גיבען אונז צו פיהלען, אַז דער, וואָס האָט זיי אַזוי אומפּאָעטיש געשריבען, איז אַ מענש מיט אַ פּאָעטישען געמיט. איהם פעהלט די פעהיגקייט אויסצוזינגען זיך אין לידער, אָבער ער וויל, ער באַגערט, ער חלש'ט זיך אויסזינגען. ער זוכט דעם פאַרלוירענעם ניגון פון זיין נשמה. ער קאָן אָהן איהם נישט לעבען. ער צייכענט זיך אויס מיט אַ שאַרף אַנטוויקעלטען איך־באַוואוסטזיין — און בענקט שוין דערפאַר אַליין נאָך זעלבסט־אויסדרוק. ער טראָגט זיך אַרום מיט זיין שטומקייט, מיט זיין שטאַמלעניש, ווי דער פּאָעט — מיט זיין וואָרט. ער ציטערט איבער זיין נשמה, ווי איבער אַ פולען בעכער מיט טייערען וויין, וואָס מען האַלט אויף דער האַנטפלאַך, ווען מען מאַכט קידוש: עס זאָל זיך, חלילה, נישט איבערגיסען, אַ טראָפּען זאָל נישט פאַרלוירען געהן. ער איז געגנוג ליריש צו פיהלען זיך אַליין, ווי ער זאָל זיין (און אפשר איז ער טאַקע) אַ געבעם פאַר עפּעס אַ זעלטענעם געטראַנק. ער האָט דאָס געפיהל, אַז די וועלט קאָן זיך אָהן איהם נישט באַגעהן, זי וואַרט, ער זאָל קומען און איהר געבען אַ תיקון... זי וואַרט אויף איהם און ער — אויף איהר אויך. ער וויל, אַז זי זאָל איהם, ענדליך, באַמערקען. זי זאָל וויסען, אַז ער זאָרגט פאַר איהר, אַז ער טראַכט וועגען איהר, אַ ער גרייט זיך עפּעס צו טאָן פאַר איהר. און זי זאָל עס נישט נאָר וויסען, — זי זאָל איהם באַגייסטערען דערצו, זי זאָל ווערען זיין מוזע. זי זאָל איהם מיט איהר באַוואונדערונג אינספּירירען צו זיין אַ ליריקער דורך טאַטען, אַזוי ווי אַנדערע זיינען וואָרט־ליריקער...

און אָט דאָ האָבען מיר זיך אפשר דערנעדט צום עצם תוך פון שוואַרצבאַרד'ס אייגענאַרטיגען ליריזם. איך האָב געוואָלט זאָגען, אַז שוואַרצבאַרד ווערט געטריבען פון אַזאַ מין דורשט נאָך זעלבסטאויסדרוק, וועלכען ער קאָן שטילען נאָר מיט מעשים, ניט מיט ווערטער. ער פּרוּאווט ווערטער אויך, אָבער זיי קומען אַרויס ביי איהם צו אָרעם, צו בלאַס. באַפּרייזען זיי איהם ניט, גיבען איהם ניט דאָס געפיהל פון באַפּרייאונג, וואָס עס גיט אַן אמת'ן דיכטער אַ געלונגען ליד. זיי גיבען איהם דאָס ניט, ווייל ער איז אַ דיכטער נישט פון וואָרט, נאָר פון טאַט.

וויפיל ער מאַטערט זיך נישט אויסצולעבען זיך מיט דער הילף פון פּאָעזיע, קומט דערפון גאָר נישט ניט אַרויס. און ער מאַטערט זיך געגנוג. ער לאָזט נישט דורך די מינדסטע געלעגענהייט, וואָס ער האָט, — אַלץ איינס וואו דאָס איז, אויפ'ן שלאַכטפעלד, אין תפיסה אָדער אויף זיין פּראָצעס — צו שטילען זיין הונגער נאָך זעלבסט־עקספּרעסיע דורך לירישער באַריידעוודיגקייט. אפילו אין די עראינערונגען, וואָס ער שרייבט, שטעלט ער אַריין לידער („אין קריג מיט זיך אַליין", זז. 124 — 126). אפילו זיין פּראָזע זעטיגט ער אָן מיט לירישקייטען. ער שרייבט:

„יעדען פאַרנאַכט, פאַר'ן זון־אונטערגאַנג, פלעגען קליינע גרופּען סאָלדאַטען זיך פאַרזאַמלען אויף די פרייע פעלדער, הינטער די לאַגערס, און אויסגיסען זייערע הערצער אין הייליגע, שטילע תפלות... און אין טרויעריגע געזאַנגען. די געזאַנגען פון פאַרביטערטע, באַטריבטע מענשליכע הערצער האָבען זיך צונויפגעגאָסען מיט די געזאַנגען פון די פייגעל. און ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַ ל ע האָבען זיך צוזאַמענגערעדט אָפּצוגעבען אַ שבח צו דער זון, וואָס זיי זעהען, אפשר, צום לעצטען מאָל, צום הימעל מיט זיינע פּרעכטיגע פאַרבען, צו דער ערד, צו דער גאַנצער וועלט, וואָס איז אַזוי שעהן, פול מיט לעבען און גלאַנץ! און ווייט, גאָר ווייט אַוועק, האָט דאָס געזאַנג זיך געצויגען, און פון דער טיפער ווייטקייט האָבען די בת־קול'ן אָפּגעקלונגען און זיך אויסגעמישט מיט'ן געזאַנג.

„די גאַנצע נאַטור האָט מיטגעזונגען — די גראָזען, די וועלדער, די בערג, וואָס האָבען פון ווייט אַריבערגעקוקט צוזאַמען מיט די וואַסערען, אין וועלכע די זון האָט זיך אַזוי צויבערהאַפט אָפּגעשפּיגעלט. און אין דער דעמערונג האָבען בלאַסע, געהיימניספולע שאָטענס זיך אומגעדרעהט. אומרוהיגע נשמות האָבען, ציטערענדיג אין דער לופטען געשוועבט און וועגען שרעקליכע בשורות דערצעהלט, נאָר דער רוים און די אייביגקייט האָבען אַלץ אין אַ סוד פאַרזיגעלט...

„יעדערער פון אונז האָט געפיהלט, אַז אָט־אָט ווערט ער אַוועקגעריסען פון דער גרויסער, פרייער, ליכטיגער וועלט, און דערפאַר איז דאָס געזאַנג וואָס אַמאָל געוואָרען שטאַרקער, שאַרפער, זיסער און פליסענדיגער. אין יעדען ליד איז געלעגען אַזוי פיל געפיהל, אַזוי פיל גלויבען און ליבע, אַז מען האָט עס גאָר ניט געוואָלט איבעררייסען" (דאָרט, ז. 59).

און אפילו דערצעהלענדיג עס איצט וויל שוואַרצבאַרד „דאָס ליד" אָדער, ריכטיגער, די מליצה נישט איבעררייסען. אַזוי שטאַרק געפעלט עס איהם. אַזאַ גלוסטונג האָט ער צו שעהנע רייד, צו פּאָעטישע אויסדרוקען. אָבער זיי זיינען, ווי דער לעזער אַליין זעהט, צו אַלגעמיין, צו אַבסטראַקט. עס רינט ניט אין זיי דאָס בלוט פון אַ מענשענס האַרצען.

ווען שוואַרצבאַרד וואָלט באמת געווען אַ פּאָעט, וואָלט ער אפשר גאָר פאַרהיט געוואָרען פון באַגעהן דעם נקמה־אַקט. ער וואָלט זיך נוקם געווען אָן די פּאָגראָמשטשיקעס — אין פערזען. ער וואָלט געזאָגט אַזאַ שטאַרקען „שפוך חמתך", אַז עס וואָלט איהם לייכטער געוואָרען אויפ'ן האַרצען, ווען אפילו זיי וואָלט עס ניט געשאַדט. עס האָט אַ סך מאָל געטראָפען, אַז אַ דיכטער אָדער אַ קינסטלער האָט נ י ש ט געטאָן קיין זאַכען, וואָס איהם האָט זיך גע'חל'שט זיי טאָן, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט זיי שוין מקיים געווען אין זיינע ווערק, — פאַרקערפּערט אין וואָרט, אין פאַרב, אין ליים. די ליידענשאַפט, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין אַ קונסט־ווערק, איז אַ ליידענשאַפט, וואָס איז ש ו י ן דערפילט געוואָרען, אויב דער אויסדרוק איז אַ געלונגענער. ביי אונזער שוואַרצבאַרד'ן איז דער אויסדרוק אין וואָרט נישט קיין געראָטענער, נישט קיין פולער, נישט קיין שטאַרקער, האָט ער געמוזט רעדען רעוואָלווער־לשון...

ער האָט געווען געפּרואווט מאַכען וואָר פון וואָרט. ער האָט געפּרואווט אויסזינגען זיין בענקשאַפט נאָך העלדענטאַטען, געפּרואווט אויסלעבען זיין דורשט נאָך גערעכטער נקמה און נאָך באַרימטקייט — אין לידער. ער האָט עס געטאָן נאָך אין יאָהר 1915 און 1916, צעהן יאָהר פאַר

72746



דעם נקמה־אקט. ער איז געוועז אויפ'ן פראנט. אינ'ם פראנצויזישען פרעמדען־לעגיאן. און ער האט געשריבען אזעלכע לידער, ווי „איך וועל אהיימקומען א זיגער", „און ער האט זי געליבט". אין די דאזיגע לידער האט זיין אויסגע'חלומ'טע מוזע איהם געהייסען „גרויס ווערען", „און ברייט דיין נאמען קלינגען זאל" —

און איינמאל האט זי איהם געזאגט אזוי: דו ווילסט געליבט אויך זיין?
דאן מוזטו גרויס און שטארק, פיל מענערישער זיין,
און יעדער זיין געשטאלט (זאל) באטראכטען מיט באוואונדערונג,
און דיין צנבליק זאל יעדען מאכען ציטערען,
און נייגעריג זאל די וועלט מיט דיר נאר זיין —
נאר דאן, נא־ דאן, וועסטו געליבט אויך זיין.
("טרוימען און ווירקליכקייט", ז. 54)

ער האט גע'חלומ'ט אין איינעם פון די דאזיגע לידער:

א טריאומף־צוג פאראוים וועט זיך ציהען,
און נאכטראגען וועט מען מיין זעקעל,
מיט וועלכען געפעכט און פארטיידיגט
אין דער צייט פון שרעקליכען נעבעל.
איך וועל אהיים קומען א זיגער!
ביים טיש פון פריינד און פארעהרער
וועל הייבען מיט גרויסקייט מיין טאסט,
דערציילען מיין העלדענגעשיכטע,
אויך די ליידען פון רעגען און פראסט.
(דארט, ז. 37)

און דאס איז געוועז ניט קיין צופעליגער מאטיוו. ער האט שווארצבארד'ן נישט געלאזט רוהען, און ווען ער האט אויפגעזאמעלט א טייל פון זיינע אומבאהאלפען־נאאיווע לידער און זיי פארעפענטליכט אין יאהר 1920 (דאס איז געוועז שוין נאך די פאגראמען, וועלכע ער האט מיט זיינע אויגען געזעהן אין אוקראינע), — האט ער זיך ווידער אמאל אומגעקערט אין דעם „פראלאג" צום חלום פון העלדענמוט, נאר איצט איז עס געוועז שוין א חלום פון העלדישער נקמה, ניט פון סתם אזוי העלדישקייט. „א פאנצער שמיד דיר אויס פון שטאל און אייזען שטארק", האט ער אנגעהויבען דעם פראלאג, אינ'ם טאן פון א ביאליק־אימיטאציע, און ווייטער דעקלאמירט: — —

באוויז דיין קראפט! איך הייס! פיר אויס מיין באפעהל!
פון טויזענט העלדען איינער בלייבט און דאס ביזטו דער העלד!
ס'פארזיסט דעם זיגער איהם דער זיג:
ווי האניג איז דער רויב, ווי נעקטאר די פארצוקונג
און ווייך.. ס'קילט דאס הארץ זיך אזוי גוט אין דיר,
ווען מיט פעסטען פוס דו טרעטסט דיין אפער אן,
און דיין שטארקער ארעם געלעכערט האט די ברוסט פון דיין באזיגטען
קרבן,
וואס גוסס'ט אונטער דיינע פיס...
און הייבסט דיין האנט, דיין שווערד פול בלוט
מיט זינרייכע! שטאלצען קאפ גאנץ הויך, גאנץ הויך...
־־־ יעדערער וועט באוואונדערען, רימען דיין קראפט
און הייבען וועלען צו דיר זיך אלע אויגען אויף
א. אז. וו., א. אז. וו. (ז. 5)

ער האט זיך געוואלט קוויקען אין זיין פאנטאזיע מיט'ן העלדישען נקמה־אקט, וועלכען ער איז (אויך אין זיין פאנטאזיע) באגאנגען: ער האט ניט שיר ניט פארזוכט שוין דעם טעם פון דער זיסקייט פונ'ם זיג. „ווי האניג איז דער רויב, ווי נעקטאר די פארצוקונג, און ווייך... ס'קילט דאס הארץ זיך אזוי גוט אין דיר, ווען מיט פעסטען פוס דו טרעטסט דיין אפפער אן, און דיין שטארקער ארעם געלעכערט האט די ברוסט פון דיין באזיגטען קרבן, וואס גוסס'ט אונטער דיינע פיס"... ווער איז געוועז אט דער „באזיגטער קרבן"? צי ניט אמאל פעטליורא? מעגליך, אז ער איז עס געוועז. און ס'איז, ווי געזאגט, מעגליך, אז ווען שווארצבארד'ן דעם פאעט וואלט זיך באמת איינגעגעבען אנצוטרעטען אויף זיין קרבן מיט'ן פעסטען פוס און לעכערען זיין ברוסט — אין אן אמת'ן ליד, וואלט ווארט געווארען טאט, טרוים — ווירקליכקייט, און ער וואלט מיט'ן ליד זיך צופרידענגעשטעלט, ער וואלט דורכ'ן ווארט, דורכ'ן טרוים זיך באפרייט פון זיין וואונש צו פארזוכען דעם „נעקטאר פון פארצוקונג", פון זיין תאוה צו זעהן דעם קרבנ'ס ברוסט געלעכערט. אבער די פאעטישע איבערלעבונג, דער פאעטישער אויסדרוק איז געוועז ניט גענוג מעכטיג צו פארנעמען דעם ארט פון א רעאלען אקט. האט געמוזט קומען די מאכט פון הערראאישער האנדלונג, דער אקט פון 25טען מאי, 1926. די טאט האט געמוזט אים קאמפענסירן פאר דעם ניט־געשטילטען דורשט נאך דיכטערישען זעלבסט־אויסדרוק, אזוי ווי דאס דיכטערישע ווארט שפילט אן אנדערש מאל די ראליע פון טאט.

די קאמפענסאציע איז געקומען, אבער קיין פולע אינערליכסטע באפרידיגונג האט זי נישט געבראכט מיט זיך — און נישט געקאנט ברענגען. שווארצבארד איז באפרייט געווארען פון דעם ברענענדיגען באגעהר צו „לעכערען די ברוסט" פון יענעם, וועלכער איז שולדיג געוועז אין די שוידערליכע אוקראינישע פאגראמען, אבער עס איז געבליבען אין איהם דער נאך נישט דערפילטער וואונש צו „הייבען זיין האנט, זיין שווערד, פול בלוט, מיט זיגרייכען שטאלצען קאפ גאנץ הויך, גאנץ הויך"... ער האט געוואַרט, אז עס זאל מקוים ווערען דער חלום, וואס ער האט גע'חלומ'ט אין דעם „פראלאג" צו זיינע „טרוימען און ווירקליכקייט", דעם חלום פון א צייט, וואס —

דאן יעדער וועט באוואונדערען, ליבען, רימען דיין קראפט
און הייבען וועלען צו דיר זיך אלע אויגען אויף
און מיט טיף רעספעקט, באגייסטערט פון דיין גלאנץ און זיג
זיך בויגען וועלען אלע קעפ פאר דיר. ליבען, הייליג האלטען דיך אין
הארצען
אויף די ליפען שבח און ליבגעזאנג דיר שענקען,
און לארבערקרענץ וועלען די שעהנסטע טעכטער פון דיין פאלק אויספלעכ־
טען דיר.
א. אז. וו., א. אז. וו. (ז. 5)

העלפען אט דעם חלום ווערען וואר האט שווארצבארד געקאנט שוין נישט מיט טאט, נאר מיט ווארט — מיט דער ריכטיגער אויסטייטשונג פון זיין נקמה־אקט, — און דאס טוט ער אין זיין „טאגבוך פון תפיסה", אין דעם טאגבוך, וואס פארנעמט מעהר ווי א העלפט פון דעם בוך „אינ'ם לויף פון יאהרען".

דאס איז אייגענטליך נישט קיין טאגבוך, נאר א ודוי. א ודוי — אויף פארקערט. א ודוי, אין וועלכען שווארצבארד האלט אין איין באווייזען, אז נישט בלויז האט ער נישט געזינדיגט דערמיט, וואס ער האט דערשאסען דעם אוקראינישען אטאמאן, נאר אז ער איז, פארקערט, דערמיט באגאנגען א מצוה, א גרויסע מצוה, גרייט זייענדיג צו מקריב זיין זיך על קידוש השם.

דער ערשטער באוויז דערצו איז די רוהיגקייט פון זיין געוויסען: „...איך האב מיך געפיהלט, ווי איך וואלט מיך באפרייט פון א גרויסע(ר) און דריקענדיגע(ר) משא, אזוי גוט און גרינג איז מיר מיט אמאל געווארען", (ז. 187). אומרוהיג — און דאס אויך נאר אויף א ווײַלע — איז ער געווארען ערשט דאן, ווען מען האט איהם געפרעגט, צי „איז ער כאטש זיכער, אז דאס איז ער, דער ריכטיגער"... „זאל איך האבען אומגע־

בראכט אז אומשולדיגע מענשען?" (ז. 188) האט ער זיך אנגעהויבען שרעקען. אבער ווי נאר ער איז זיכער געווארען, אז דאס איז געווען "דער ריכטיגער", איז איהם ווידער געווארן "אזוי גוט און גרינג", און ער האט שיר ניט געכאפט זיך קושען מיט דעם פאליציימאן, וואס האט געבראכט די ידיעה, אז דער געשאסענער איז סעמיאן פעטליורא.

זיין געוויסען איז געווען רוהיג — דער ערשטער באווייז, אז ער איז געווען ריין. דערמיט אליין אבער באנוגענט זיך ניט שווארצבארד. ער דערקלערט איינמאל און נאך אמאל און ווידער אמאל, פארוואס זיין געוויסען איז ריין. ער זאגט, אז מיט זיין אקט איז ער נישט נאר אויסען געווען נוקם צו זיין זיך אן דעם פאראנטווארטליכען פיהרער פון די בלוטיגע באנדעס. ער האט געוואלט אויך רעהאביליטירען "דאס נאציאנאלע אידישע עהרענגעפיל: "זאלען זיי וויסען, האט ער געטראכט, אז אידען זיינען אויך פעהיג צו געבען ווידערשטאנד און נישט אונטערשטעלען א צווייטע באק, בעת מען שלאגט איבער'ן לעבען און איבער דער נשמה פון א פאלק. ניט שטענדיג וועלען מיר זיין שפלים. עס איז נישט קיין חוב מיר זאלען זיי ליפערען בלויז קדושים, בלויז מארטירער" (דארט, 207). נו, אין די יאהרען 1918—1920 האבען אידען אין אוקראינע און אין אנדערע געגענטען פון'ם געוועזענעם רוסלאנד "געליפערט" נ י ש ט "בלויז קדושים, בלויז מארטירער". אונזער יוגענט האט אומעטום, וואו ס'איז מעגליך געווען, ארויסגעוויזען דעם מעכטיגסטען ווידערשטאנד און געפיהרט דעם העלדישסטען קאמף מיט באוואפענטע באנדיטען און פאגראמשטשיקעס. מען זעהט עס פון שווארצבארד'ס אייגענע זכרונות. אבער איהם האט זיך געדוכט, אז דאס איז נישט גענוג. איהם האט זיך געדוכט, אז ביי אונז זיינען נאך אלץ דא צופיל קדושים און צו ווינציג גבורים. ער האט זיין פערזענליכען אינפעריאריטעט־געפיהל, דעם געפיהל, וואס האט איהם אומבאוואוסטזיניג געטריבען צו וועלען זיך אויסצייכענען און דערהויבען ווערען, — געלאזט זיך אריינג'גנב'ענען אין זיין נאציאנאלען באוואוסטזיין, און ער האט אלץ מורא געהאט, טאמער וועט די וועלט טראכטען, אז אידען זיינען פחדנים. ער האט זיך בכלל גענומען שטארק צום הארצען, וואס די גוים טראכטען וועגען אידען. ער איז אביסעל אנגעשטעקט געווארען פון דער פסיכאלאגיע, וועלכע איז כאראקטעריסטיש מעהר פאר די מערב־אייראפעאישע, ווי פאר די מזרח־אייראפעאישע אידען. (אפשר דערפאר וואס ער האט א לאנגע צייט געלעבט אין מערב־אייראפע). און אין א סך שטעלען פון זיין בוך "אין קריג — מיט זיך אליין", זכרונות פון אידישען פרייוויליגען אין דער וועלט־מלחמה, פילט זיך די באדערפעניש צו ווייזען דער וועלט, אז אידען זיינען "נישט אזעלכע", ווי זי טראכט. "זאלען די פראנצויזען זעהן און זיך איבערצייגען, האט צו איהם געזאגט דער סעקרעטאר פון דער נאציאנאלער ביבליאטעק אין פאריז, — אז אידען זיינען גוטע בירגער און געטריי זייער לאנד". "פון דאן, דערצעהלט שווארצבארד אליין, איז געבוירען געווארען אין מיר דער געדאנק ארויסצוגעבען מיינע "זכרונות פון א פרייוויליגען אידישען סאלדאט" — אין א בוך־פארם" ("אין קריג — מיט זיך אליין", ז. 13). אין די זכרונות גופא לייענען מיר: "אז דער קריג וועט ניט אויפשטעלען קיין גערעכטיגקייט אויף דער וועלט, האבען מיר אויך גוט פארשטאנען. אלא וואס? קדוש השם — מ'זאל אונז ניט שטעכען אין די אויגען, אז מיר זיינען פייגלינגע... דערפאר זיינען מיר דאך פרייוויליג געגאנגען אין דער פראנצויזישער ארמיי..." (ז. 91—92.) און אין אנדער שטעלע:

"...אט דערשיינט ווידער פאר מיר דער גייסט פון'ם געפאלענעם אידישען סאלדאט און ער רעדט צו מיר שטענדיג די זעלבע רייד:

"געה ברודער, געה און אפפער זיך, אזוי ווי איך, אויף די בלוטיגע פעלדער... באווייז, אז דו ביסט ניט קיין שפיאן, און אויך ניט קיין פייגלינג... באווייז העלדישקייט! טו עס, נישט צוליב דעם, אז מ'זאל דיך באלוינען, שענקען עהרען־אויסצייכענונגען. ניין! טו דאס נאר צוליב דעם, אז מ'זאל נישט האבען וואס פארצואווארפען דיינע ברידער און זיי שטעכען אין די אויגען!... זאל מען נישט זאגען, אז אידען זיינען נישט עהרליך, אז זיי קויפען זיך פון אלץ אויס, און אז זיי זיינען "טרוסען"...

"געה, און וואש אפ מיט דיין בלוט דעם געלען, מיטלאלטערליכען שאנדפלעק פון דיין פאלק!... לויף און שריי: הורא! און הער זיך נישט צו צו דיין הארץ, וואס איז פארזאטען מיט בלוט און וואס צוגייט פון וועהטאג!... געה, ברודער, געה, פארטיידיג דיינע ביטערסטע שונאים... פרעג נישט און קלער נישט פיל, עס איז דיין ריי געקומען, דיין צייט... קאנסט מיט דיין טויט ראטעווען די ווייניג־איבערגעבליבענע ברידער דיינע, וואס בלאנדזשען ארום היימלאז, פארפאלגט; און פארלאזט פון גאט און פון מענשען: אט די, וואס האבען קיין ארט ניט אויף דער גרויסער וועלט... דו קאנסט פארלייכטערען זייערע ליידען!" (דארט ז. 240)

דאס איז דער אופן, ווי שווארצבארד בארעכטיגט און "ראציאנאליזירט" זיין געהן פרייוויליג אין קריג. דאס איז אויך די בארעכטיגונג פון זיין נקמה־אקט. דאס איז ניט די איינציגע בארעכטיגונג. א גרויסע, און אפשר די גרעסטע, ראליע האט געשפילט דער באגער זיך נוקם צו זיין אן א בלוטיגען שונא. שווארצבארד באהאלט עס ניט. אין דער דעפעש, וואס ער האט געשיקט צו זיין פרוי אין דעם לעצטען מאמענט פאר דער טאט, האט ער בפירוש געשריבען: "דאס אומשולדיג פארגאסענע בלוט לאזט מיך ניט רוהען און שרייט נאך נקמה" ("אינ'ם לויף פון יארען", ז. 215). דעם מאטיוו פון נקמה גיט ער אן אהן א שיעור מאל. אבער וואו און ווען נאר ער האט א מעגליכקייט רעדט ער נישט בלויז וועגען גערעכטער נקמה, נאר אויך וועגען דער נויטיגקייט צו ווייזען, אז אידען זיינען פעהיג צו באגעהן העראאישע טאטען. דא און דארט דערמאנט ער אויך די כונה אויפמערקזאם צו מאכען די וועלט אויף די שוידערליכע רציחות, וואס ווערען באגאנגען געגען אונז און אויף אונזער לאגע בכלל. אבער וואס פאר א סטימולען עס זאלען איהם נישט האבען געטריבען צום "אקט", — מיט זיין "טאגבוך" האט ער געהאט נאר איין, באוואוסטזיניגען אדער אומבאוואוסטזיניגען מיין — און דאס איז די כונה צו דערקלערען דעם "אקט".

די ד ע ר ק ל ע ר ו נ ג האט פאר די פראנצויזישע ריכטער און פאר שווארצבארד'ן אליין געהאט א פראקטישע באדייטונג, פאר אונז איצט איז זי וויכטיג דערהויפט ביאגראפיש. זי גיט אונז א שליסעל צו דער נשמה פון א מענשען, וועלכער גלויבט, אז "דער כ' סיון (דער טאג, ווען ער האט דערשאסען פעטליורא'ן) וועט ווערען א יום טוב ביי די אידען. אנשטאט צופאסטען און זאגען סליחות, וועט מען שיקען שלח מנות און זיך משמח זיין." (דארט, ז. 255). דאס איז די נשמה פון ניט קיין געוואוינטליכען מענש. מיט זיין געוואגטער טאט און מיט זיין גלויבען אין זיין מיסיע האט ער געצויגען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון דער וועלט און געוועקט באוואונדערונג, פארעהרונג אין א סך אידישע הערצער. איז ער דערפאר אליין שוין ווערט, אז מען זאל איהם קענען. און כדי מען זאל איהם קענען, מוז מען לייענען זיינע ביכער.

אין די ביכער זיינען דא רעשטלאך פון יענעם פעריאד, ווען ער האט געזוכט צו דערפילען זיינע פארבארגענע וואונשען מיט דער הילף פון ווארט, ווען נישט קענענדיג אויסלעבען זיין בענקשאפט נאך העראאיזם, האט ער זי געוואלט אויסזינגען. איצט, נאכ'ן "אקט", איז ער נאך אויך — א זינגער, א שיין־שרייבער, א בעל מליצה. אין איהם איז דא א זעלטענע פאראייניגונג פון פראקטישער אקטיוויטעט און ליבע צו רייד. געוואוינטליך זיינען מענשען פון דעם סארט שווייגער. צו־וואס שיסען מיט פראזען, אז מען קען שיסען אויפצונאמת'ן? צו וואס ריידען?

72747



בעסער טאן. שווארצבארד איז אן אויסנאם. ער טוט — און דאך שטערט דאס איהם ניט, נאר, פארקערט, דאס סטימולירט איהם צו אויסערגעוויינטליכער באריידעוודיגקייט. און עס טרעפט (אמת, עס טרעפט נישט אפט), אז עס איז דא א געוויסע קראפט אין די אראטארישע אויסגוסען. אשטייגער:

„א פאלק פון דריי מיליאן מענשען זיינען מיט אמאל געווארען הפקר, א געשמאקער ביסען פאר א ווילדען טיגער. איך האב געזעהן צושמעטערטע טירען און פענסטער, צוהאקטע און צובראכענע ביינק און טישען, אראפגעפליקטע דעכער, אונטערגעצונדענע הייזער; איך האב געזעהן באשפריצט ווענט מיט בלוט, ווענט אין וועלכע מ'האט צוהאקט קעפלאך פון קליינע קינדערלאך; איך האב געזעהן מענשען מיט צומישטע בליקען פון משוגעת, איך האב געזעהן הערצער וואס איז זיי איז אויף אייביג אויסגעלאשען געווארען די מעגליכקייט ארויסצוגעבען א שמייכעל. איך האב געזעהן אזא ווייטאג, וואס איך וועל דאס ניט אימשטאנד זיין צו פארגעסען, א ווייטאג וואס האט מיר פארפאלגט און אפגענומען מיין שלאף אויף פיל, פיל נעכט...” (ז. 211)

אפט איז די דעקלאמאציע פון דעם סארט — דעקלאמאציע, מליצה. אבער אויך אין אזא פאל קאן עס צוניץ קומען דעם ביאגראף.

און דאס איז ריכטיג נישט נאר וועגען דעם „טאגבוך פון תפיסה”, אויך „די זכרונות פון אידישען פרייווילליגען אין דער וועלט־מלחמה”, וועלכע זיינען אריין אינ'ם בוך „אין קריג — מיט זיך אליין”, און אויך דער ערשטער טייל פונ'ם בוך „אינ'ם לויף פון יארען” (זכרונות פון די פאגראמען און דער רעוואלוציע אין רוסלאנד) האבען א באדייטונג פאר שווארצבארד'ס ביאגראפיע סיי זאכליך, סיי פסיכאלאגיש.

איינינגע קאפיטלעך אין זיי האבען א מעהר אלגעמיינע באדייטונג. זיי קאנען צוניץ קומען דעם היסטאריקער פון דעם פרעמדען־לעגיאן אין פראנקרייך און — וואס עס איז נאך וויכטיגער — דעם היסטאריקער פון דעם רעוואלוציאנערען קאמף און דעם בירגער־קריג אין רוסלאנד. קיין סך פאקטען, וועלכע זיינען ניט דערצעהלט געווארען פון אנדערע, זיינען נישטא ביי שווארצבארד'ן, אבער צו איינינגע מאמענטען איז ער געווען מעהר אויפמערקזאם ווי אנדערע. אזוי, אשטייגער, האט ער זיך אינטערעסירט מיט דעם פערזענליכען כאראקטער פון די פירער און די איבעריגע אנטיילנעמערס פונ'ם בירגער־קריג. ער גיט וויכטיגע ידיעה'ס וועגען דער ראליע, וואס אלערליי אנארכיסטישע גרופעס אדער יחידים האבען געשפילט אויפ'ן רעוואלוציאנערען פראנט. ער דערצעהלט איינצעלהייטען פון דער פסיכאלאגיע און דער עטיק פון פארשיידענע סארטען רעוואלוציאנערען. פון איינינגע פון זיי האט ער אונז געגעבען גאנצע פארטרעטען. עקזאלטירטע, דאך גאנץ לעבעדיגע צייכענונגען פון מענשען... דאס אלץ מאכט, אז די עראינערונגען זאלען האבען א געוויסען אלגעמיינעם ווערט. זייער הויפטבאדייטונג איז דאך א ביאגראפישע. עס וועט קומען א קינסטלער, וואס וועט זיך שטעלען די פראגע, ווער און וואס איז עס אט דער פאריזער זייגערמאכער, וועלכער האט דערפיהלט, אז ער איז עס דער, וואס אויף איהם איז ארויפגעלייגט געווארען די שליחות צו מאנען גערעכטיגקייט און נוקם צו זיין זיך פאר'ן אידישען פאלק. פון וואנען האט זיך עס גענומען אזא שטאלץ און אזא גבורה ביי אט דעם שטילען פאלקסמענשען? עס וועט קומען א קינסטלער, א פסיכאלאג, וואס וועט זיך שטעלען אט די פראגע — און פאר איהם וועט זיין זעהר וויכטיג צו וויסען, אז שלום האט שוין אינגעלווייז געהאט א לעבעדיגען, אן אומרוהיגען און אן אמביציעזען כאראקטער — אז ער האט ליב געהאט צו „מאכען קאמעדיאנטישע שטיק, זיך דראפען אויף לייטערס, קלעטערען אויף די גלייכע ווענט” און בכלל ריזיקירען („אינ'ם לויף פון יארען”, ז. 20).

דעם, וואס וועט זיך אינטערעסירען מיט דער פערזענליך־פסיכאלאגישער זייט פון שווארצבארד'ס „אקט”, וועט כדאי זיין צו וויסען, וואס שווארצבארד אליין דערציילט וועגן זיין אינגלישען פארלאנג צו לאזען הערען פון זיך: „איך האב זיך אפט אוועקגעשטעלט פאר'ן עמוד (יום־כפור ביינאכט, ווען די גאר פרומע בלייבען אין שול זאגען תהלים—ש. נ.) און געווארן פארזאגער, און די עלטערע אידען פלעגען מיר נאכזאגען. דאס איז ביי מיר געווען מיין גרעסטער פארגעניגען און שטאלץ: איך א פארזאגער ביים עמוד פאר אלטע און פרומע אידען” (דארט, ז. 24). ער האט אלעמאל געהאט א חשק און געזוכט א געלעגענהייט צו זיין אנגעזעהן. „אין באלטע זיינען געווען גרעסערע קנאקערס פון מיר (צווישען די רעוואלוציאנער־געשטימטע חברים) און איך האב זיך גארניט אנגעזעהן. אזס'איז אראפגעקומען דער „טאווארישטש גרישא” פון אדעס, וואס פלעגט אויפפלאקערען די פארזאמלונגען, בין איך גאר ביי זיך אראפגעפאלען. אבער אין קרוטי בין איך שוין געווען דער ראש לשועלים. איך האב יעדען שבת געמאכט פארזאמלונגען — און גערעדט און גערעדט” (ז. 31). אבער נישט נאר אין ריידען האט זיך אויסגעדריקט זיין פארלאנג צו זיין אקטיוו, צו טאן עפעס, צו זיין עפעס. ווען עטליכע רעזערוויסטען, וואס האבען זיך אומגעקערט צוריק פון רוסיש־יאפאנישען פראנט, האבען שכור'ערהייט אנגעהויבען צו ראבירען די קראמען און ברעכען די שויבען אין אידישע הייזער — „בין איך גלייך, דערצעהלט ער, געווען מיט מיין סאציאליסטישען שטעקען אין דרויסען — — אנגענומען דעם שטעקען ביי דער דינער זייט און מיט דער גראבער זיך פארמאסטען אויף די פלייצעס און קעפ פון די כאמולעס” (ז. 32). און דאס איז ניט געווען דאס איינציגע מאל, וואס ער האט ארויסגעוויזען איניציאטיוו און מוט אין דעם ענין זעלבסטשוץ. ער איז אלעמאל גרייט געווען צו שיצען זיך און אנדערע. ער איז אויך אלעמאל גרייט געווען — צו אטאקירען... „מיין גאנצער שטרעבען איז געווען — זיך איינגאנצען אפפערען פאר דער זאך” (ז. 33). ווען מען האט ארעסטירט זיינע חברים, און ער איז געבליבען פריי, האט עס איהם מורא'דיג פארדראסען: „איך האב געוואונשען פון גאנצען הארצען צו ווערען א מארטירער. איך וואלט אויך געגאנגען צום עשאפאט מיט א טאנץ און וואלט דערביי געהאלטען א פייערדיגע רעדע” (ז. 34). און דאס איז אמת. מען פיהלט עס, ווען מען זעהט, ווי ער איז אלעמאל דארט, וואו עס איז דא א געפאהר.

עס איז נישטא קיין שום גוזמא אין זיין מיטטיילונג, אז „וואו ס'האט זיך געמאכט א געפערליכע קאנספיראציע אויסצופירען, בין איך געווען דער ערשטער, איבעראל האב איך זיך געמאלדען און געשטופט פאראויס” (דארט). דאס איז, אין קורצען, די געשיכטע פון זיין לעבען און — די פארגעשיכטע פון זיין נקמה־אקט...

די געשיכטע פון א מענשען, וואס איז גרייט זיך מוסר נפש צו זיין, אבי — זיין. א געשיכטע, וואס ווארט אויף א דיכטער, וועלכער זאל קומען און דערצעהלען זי קירצער, קלערער, קיהלער און רוהיגער, ווי איהר העלד האט עס געטאן.

נ. ב. — ביידע ביכער זיינען באפוצט מיט אילוסטראציעס, צווישען וועלכע עס פארנעמען גאר א באזונדערען ארט מיט זייער אויסדרוקסקראפט די צייכענונגען פון חנוך הענאך גליצענשטיין.

# ל. פּאָגעלמאַן

## א. ליטוואַק: „ליטעראַטור און קאַמף"

ליטעראַרישע עסייען. אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „וועקער", 1933.

„אין יעדן פון אונז זיינען פאַראַן אַזוי ווי עטליכע נשמות, וואָס איינע פון זיי איז ניט ענליך צו דער צווייטער. זעלטן ווען זיי גיסן זיך צונויף אין איין האַרמאָניש גאַנצע. דאָס רוב לעבן זיי איינע לעבן דער אַנדערער, קעמפן איינע געגן דער אַנדערער... דאָ זיגט איין נשמה, דאָ א צווייטע"...

אַזוי האָט דער פאַרשטאָרבענער א. ליטוואַק געשריבן מיט אַ פינף יאָהר צוריק אין זיינעם אַן אַרטיקעל צו דעם 25־יאָהריגן יובילעי פון דוד איינהאָרנ׳ס שאַפן.

און מיר דוכט, אַז דאָ האָט ליטוואַק ווילענדיג אָדער ניט־ווילענדיג כאַראַקטעריזירט זיך אַליין. אין ליטוואַק׳ן גופא האָבן געקעמפט צווישן זיך „אַזוי ווי עטליכע נשמות, וואָס איינע פון זיי איז ניט ענליך צו דער צווייטער." ליטוואַק דער סאָציאַליסטישער טוער און פובליציסט איז געווען איין מענש; ליטוואַק דער ליטעראַטור־קריטיקער איז געווען א צווייטער מענש, און ליטוואַק אין זיין פערזענליכן לעבן, אין זיינע באַציהונגען צו מענשען איז געווען א דריטער מענש; און ניט אַלע מאָהל האָבן אָט די אַלע נשמות אין איהם זיך צונויפגעגאָסן „אין איין האַרמאָניש גאַנצע".

צוויי אַזעלכע נשמות פון דעם פאַרשטאָרבענעם ליטוואַק׳ן שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם בוך עסייען מיט׳ן נאָמען „ליטעראַטור און קאַמף", וואָס דער פאַרלאַג „וועקער" האָט ניט לאַנג צוריק אַרויסגעגעבן. דאָ זיינען צונויפגעקליבן א טוץ פון ליטוואַק׳ס עסייען, אין וועלכע מיר דערזעהען פאַר זיך ליטוואַק דעם קאַמפּסלוסטיגן פובליציסט און דעם ליטעראַטור־קריטיקער.

די מעהרסטע עסייען אין דעם בוך זיינען וועגן ליטעראַטור; פון די קאַרגע דריי הונדערט זייטען פון דעם בוך זיינען בלויז פופציג זייטען געווידמעט צו פּאָליטישע און קולטורעל־פּאָליטישע פראַגן; די איבעריגע עסייען זיינען וועגן פאַרשיידענע אידישע און אייראָפּעאישע שרייבער.

דאָס איז א טייל פון דער גייסטיגער ירושה, וואָס ליטוואַק האָט נאָך זיך געלאָזן. און עס קומט א דאַנק דעם סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד וואָס ער האָט ניט געלאָזן די ירושה אויף הפקר און האָט גענומען אויף זיך די מיה צו זאַמלען די אַלע עסייען אין א בוך; זיי האָבן אָהן צווייפעל אַ וויכטיגען היסטאָרישען און קולטורעלען ווערטה; און די פּאָר פּאָליטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן „דעמאָקראַטיע" און וועגן „פּראָלעטאַרישער קולטור" האָבן אפילו א צייטליכען, אַקטועלען אינטערעס, באַזונדערס אין דער איצטיגער אַנגעגליהטער אַטמאָספערע פון די ליידענשאַפטליכע פּאָליטישע קאַמפען, אין וועלכע אונז קומט אויס צו לעבען.

פון די ליטעראַרישע עסייען אין דעם בוך האָבן פאַר אונז א באַזונדער וויכטיגע באַדייטונג די אָפּהאַנדלונגען וועגן יצחק יואל לינעצקי, מאָרים ווינטשעווסקי און י. ל. פּרץ. דאָס זיינען גרינדליכע, אינטערעסאַנטע אָפּשאַצונגען פון די פאַרשטאָרבענע אידישע שרייבער, וועלכע האָבן געשפּילט א פאַרשיידענאַרטיגע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור און פון דעם אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען.

לינעצקי איז ניט באַקאַנט דעם ברייטען אידישען עולם, און זיין נאָמען איז אויף א פאַרדריסליכען, אומפאַרדינטען אופן כמעט ווי אינגאַנצען פאַרגעסן געוואָרען. און ס׳איז אַן עולה: לינעצקי האָט זיינע פאַרדינסטען פאַר דער אידישער ליטעראַטור און באַזונדערס פאַר דעם אידישען קולטור־געזעלשאַפטליכען לעבען. לינעצקי, אַלס איינער פון די פאָרשטעהער פון דער משכיל׳ישער פעריאָדע, האָט געשפּילט א באַדייטענדע ראָלע אין זיין צייט; און ליטוואַק האָט אין זיין עסיי וועגן לינעצקי׳ן געגעבן א גענויע אָפּשאַצונג פון דער ראָלע, וואָס לינעצקי האָט דאַמאָלסט געשפּילט, און פון דער השכלה־צייט, אין וועלכער לינעצקי האָט געלעבט און געווירקט. ליטוואַק האָט דאָ אָנגעוואָרפען כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון יענע יאָהרען, ווען די השכלה, לויט ליטוואַק׳ס אויסדרוק, „האָט זיך אַראָפּגעלאָזען צו די מאַסען, אין שוסטער־גאַס".

די השכלה־עפּאָכע צוטיילט דאָ ליטוואַק אויף דריי פעריאָדען: 1) די לומדישע השכלה, 2) די השכלה פון אַקציזניקעס און פּאָדראַטשיקעס, פון קאַזיאָנע לערער און ראַבינער, און 3) די קעמפענדיגע השכלה, די השכלה, וואָס האָט אָנגעהויבען זיך אַראָפּצולאָזען צו די מאַסען.

איך וויל זיך דאָ ניט אַנשליסען אַן דער דעבאַטע, וואָס האָט זיך דאָ ענטוויקעלט צווישען ליטוואַק׳ן און יעקב לעשטשינסקי וועגען דער פראַגע צי אַזאַ מין צוטיילונג פון דער השכלה־עפּאָכע איז אַ ריכטיגע, צי זי איז א באַגרינדעטע צי ניט. אויף זיין כאַראַקטעריסטישען טעמפּעראַמענטפולען פּאָלעמישען אופן פּרואווט דאָ ליטוואַק אָפּצושלאָגען לעשטשינסקי׳ס אַרגומענטען, און ער באַווייזט, אַז זיין קלאַסיפיקאַציע איז א באַרעכטיגטע.

ליטוואַק גיט דאָ אַן אויספיהרליכע, לעבעדיגע כאַראַקטעריסטיק פון די משכילים און פון דער ראָלע, וואָס זיי האָבען געשפּילט אין דעם אידישען לעבען. און זייער ראָלע, ווי מיר זעהען דאָ פון ליטוואַק׳ס אָפּשאַצונג, איז געווען א פיל גרעסערע ווי מען שטעלט זיך געוועהנליך פאָר. „מיט אימפּעט, זאָגט ליטוואַק וועגען יענער צייט, האָט מען געבראָכען אַלץ, וואָס איז געווען אַלט, אַראָפּגעקערט אַלץ, וואָס איז געווען צעפּוילט און פאַרשימעלט, אַראָפּגעטרייסעלט פון זיך דעם שטויב פון דורות, אָנגעהויבען צופּאַסען זיך צו די נייע אומשטענדען פון דער נייער צייט. מיר, די היינטיגע, זיינען געקומען אויף אַלעס פאַרטיגען"....

און דערביי דעקט ליטוואַק אויף אויף א טרעפליכען אופן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און די פּאָליטישע אומשטענדען, וועלכע האָבען געשטויסען די משכילים אין דער ריכטונג, אין וועלכער זיי זיינען געגאַנגען.

דאָ ענטפּלעקט זיך פאַר אונז ליטוואַק, וועלכער איז צוגעגאַנגען צו קולטורעלע ערשיינונגען מיט א מאָס פון א סאָציאַלען קריטיקער. ער באַווייזט די אָדער יענע ליטעראַרישע און אַלגעמיין־קולטורעלע ערשיינונגען אין דעם ליכט פון דער עקאָנאָמישער און סאָציאַל־פּאָליטישער סביבה, אין וועלכע זיי זיינען געבאָרען געוואָרען און אויסגעוואַקסען. לינעצקי קומט דאָ אַרויס ניט ווי אַ צופעליגע ליטעראַרישע געשטאַלט, נאָר ווי אַ נאַטירליכער פּראָדוקט פון יענער צייט.

ליטוואַק׳ס אָפּהאַנדלונג וועגען לינעצקי׳ן העלפט אונז דאַריבער צו פאַרשטעהן טיפער און גרינדליכער ניט נאָר לינעצקי׳ן אַליין, נאָר אויך די גאַנצע השכלה פעריאָדע, פון וועלכער ער איז אַרויסגעוואַקסען.

און באַזונדער קלאָר ווערט פאַר אונז לינעצקי׳ס טיפע לעבענס־טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אַזוי בולט אויסגעדריקט אין לינעצקי׳ס פאָלגענדע אייגענע ווערטער:

„איהר ווייסט, וואָס איז די נפקא מינה צווישען מיר מיט מיין טאַטען? זיין דור האָט איהם איבערגעלעבט. איך האָב איבערגעלעבט מיין דור."

לינעצקי, דער „כאַראַקטעריסטישער זוהן פון זיין עפּאָכע", האָט, ווי ליטוואַק שילדערט פאַר אונז, „אָפּגעלעבט עטליכע צענדליג יאָהר אַז איבעריגער, ניט אויף אַן אָרט".

דאָס איז באמת א טיפע מענשליכע טראַגעדיע.

72748

# № 2.

אין ליטע: **1,50** ליט; אין עסטלאַנד: **0,50** קראָן.

Cena **50** sant.

פרייז **50** סאַנט.

Der Idišer Krigs-Invalid.




אויסגאַבע פון באַלטישן אידישן קריגס-אינוואלידן פאַראיין.

*Всѣ курятъ*

*или* **Diplomat**

*или* **Lilija Stengel**

קליידער אנפארטיקונג און האנדלס־אקציעז־געז.

# „GENTLEMAN"

ריגע, קאלק־גאס נומ. 22 ◆ טעל. 2-8-6-6-5

הערי־ און דאמען־קליידער, וועש, היט און שטיוול.




72749

דער
# אידישער קריגס-אינוואַליד
אויסגאַבע פון באַלטישן אידישן קריגס=אינוואַלידן פאַראיין.

**№ 2** צווייטער יאָרגאַנג ◆ ריגע 1929 יאר

# אינהאַלט:

י. ראַיניס — אינוואַלידן. (שיר).

דר. י. וואָלפע — אייער חוב.

סענ. אָ. אָ. גרוזענבערג — באַם פאָר=זיצער פון רוסישן מיניסטאָרן=ראַט.

מ. ק. — די גרויסע סכנה.

מלחמה — א שלעכטע און מיאוסע „ביזנעס“.

מ. גערץ — הונגער.

מ. ראַזומני — די פראָטעזע. (דערציילונג).

ע. דזעלזיט — דער קאַמף פאַרן העכערן די פענסיעס.

סטעפאַן צווייג. — דער קבר פון אומבאַקאַנטן סאָלדאַט.

ד. סעגאַלאָוויטש.—„עס איז נישטאָ קיין מלחמה“ (רעפלעקסן).

ד. טשאַרני. — דער פאַלשער אינוואַליד. (דערציילונג).

אברהם רייזען. — דעם ברודערס קוילן. (דערציילונג).

י. טיגער. — דאָרט וואו עס ליגן טויזנט אידישע סאָלדאַטן.

ק. יקטן. — די אידישע אינוואלידן אין עסטלאַנד.

א. יאַקובאָוויטש. — דער מלחמה=קרבן. (דערציילונג).

ד. לערער. — דער דיינקמאָל פון אומבאַקאַנטן סאָלדאַט אין דיקסמיד.

א. י. „אַפן מערב=פראָנט איז רואיק“.

יעקב שיינגאָלד. — דאָס יאָר 1915 (זכרונות).

י. ווייספאַפ. — „דער פאַרבאַנד פון אָנטיילנעמער אין לעטלאַנדס באַפ=רייאונגס=מלחמה“ און די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט.

ק. מאָשקאָווסקי. — די אידישע אינ=וואַלידן און די אידישע געזעל=שאַפטלעכקייט.

מ. וואַלק. — דיאידישע אינוואַלידן אין ליטע.

א. — שול=קינדער קעגן מלחמה.

י. ראַיניס.



*Par tiem „kas neaizmirst“,*
*bet aizmirsti tiek.*
*J. Rainis.*

## אינוואַלידן

**(אַ שמועס פון צוויי פאַרגעסענע).**

*„איך בעט אייך, קויפט, עפּעס, מיין הער.*
*קלייבט אויס פון מיין „כל טוב“*
*כאָטש ציגאַרעטן . . . אויך וואָס ווערט!*
*איך שאַף אייך אַ ל ץ, וואָס איר באַגערט!*
*אויס גאוהו! — נעמט פון כל המינים:*
*נאָר פּאַר אַ צענער — „ל אַ ט ו י אַ“*
*און „ר י ג אַ“ — גאָר בחינם!..“*

*„קוק נאָר אָן, ווי ער אַנטלויפט, מיין גרויסער בעל חסד...*
*— הער ברודערל, געדיינק מיין וואָרט:*
*מיר, אַליין פאַרגעסענע, מיר קענען ניט פאַרגעסן,*
*געווען זיינען מיר קעמפער! איצט — יתומים.*
*דאָס לעבן, ס'גאַנץ פאַרמעגן אויפן קאָרט*
*געשטעלט, פאַר וועמען? אַלץ פאַרשפּילט:...*
*געווען זיינען מיר זיגער, איצט — אביונים...“*

*דער צווייטער ענטפערט אָפּ „צי בעטן זאָלן מיר?*
*וועמען-זשע געהערט זי, זאָגמיר, די בכורה?*
*מ י ר האָבן געשאַפן ס'רעכט פאַר זיי, פאַר אַלע,*
*רעכט — פאַר אַלע גלייך!*
*ז יי טיילן עס איין רעכט פאַר אָרים, רייך.*
*האָבן מיר געקעמפט פאַר זייער וואויל?*
*בעטן מיר דאָס צוגעזאָגטע ערד,*
*ענטפערט מען מיט רוגזה: „האַלט דאָס מויל!“*

*„מיינען נישט די „שררות“ משיג גבול זיין?:..*
*גלוסטן זיי דאָס ווינציקע פאַרנעמען*
*וואָס דערוואָרבן האָבן מיר אין צייט פון פּיין?!*
*אָהאָ, נישט געאיילט!*
*איך און דו און ער וועלן דאַן געבן*
*באַלד דעם ערשטן סימן פאַרן קאַמף, —*
*פאַר דער פרייהייט שיינקען מיר דאָס לעבן!“*

פאַראידישט דורך י. מאַטוזין.

S. SCHWARZBARD
PARIS

ד"ר מעד. י. וואָלפע.

# אייער חוב.

די לעצטע מלחמה — דער גרעסטער חטא פון אונזער דור, וואָס האָט רואינירט מיליאָנען יונגע מענטשן-לעבנס און מיליאַרדן מיט מי און דורך בלוט געשאַפענע פאָלקס-אוצרות, האָט אויך אונז, אידן געלאָזן א טרויעריקע ירושה אין געשטאַלט פון הונדערטער טויזנטער קאַליקעס, אלמנות און יתומים. די קרבנות, וואָס מיר, אידן, האָבן מקריב געווען אין דער וועלט-מלחמה, האָבן גורם געווען, אַז די פאַרטרעטער פון אַלע קולטור-פעלקער, וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין ווערסאַל אין יאָר 1919, כדי צו לייזן דעם גורל פון די פעלקער, האָבן אויך אונז, אידן, אויסגעהערט און אין אַכט גענומען די גערעכטע פאָדערונגען אונזערע; *אויסגעהערט אָבער ווייניק וואָס געטאָן!* דער באַשלוס פון ווערסאַלער פרידנס-אָפּמאַך האָט לחלוטין אונז נישט באַפרידיקט און דאָס אידישע פאָלק וועט אויך להבא מיט אַלע אַנדערע באַליידיקטע פעלקער פירן דעם קאַמף פאַר זיין עקסיסטענץ, ווי עס פאַרדינט אַ פאָלק פון 17 מיליאָן נפשות, אַ פאָלק, וואָס האָט געבראַכט די גרעסטע דערגרייכונגען דער מענטשלעכער קולטור.



פאָרזיצער פון באַלט. איד. קריגס-אינוואלידן פאַרבאַנד
ד"ר מעד. י. וואָלפע
אלס שעף-דאָקטאָר אין 15-טן פעלד-שפּיטאַל פון 1-ער רוסישער אינפאַנטערי-דיוויזיע (אין אָסט-פּרייסן).

דאָס אידנטום גופא, וואָס האָט זיך אין משך פון טויזנטער יאָרן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און האַרציקייט באַצויגן צו זיינע סאָציאַלע און קולטור- פּאָליטישע פּראָבלעמען, צו זיינע פאָלקס-אידעאַלן — האָט איצט נאָך דער פאַרשאָלטענער שחיטה זיך אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זיינע פליכטן צו די געפאַלענע העלדן אַף די שלאַכט-פעלדער און צו לעבעדיק פאַרבליבענע קאַליקעס, אלמנות און יתומים. צי האָט דען באמת דאָס אידישע פאָלק מיט זיין גרויסער האַרץ פאַרגעסן אַף לא לחזור די אייגענע ברידער, וואָס האָבן מקריב געווען אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט, פאַרן פאַרווירקלעכן א בעסערע צוקונפט פאַר דער מענטשהייט?! — כל זמן אונזער דור לעבט נאָך, איז נאָך פאַראַן א מעגלעכקייט אויסצובעסערן די גרויסע עולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן לגבי אונז, אידישע קריגס-אינוואַלידן.

*אין וואָס קען און מוז באַשטיין אונזער הילף?*

קודם כל באַדאַרף איטלעכער קולטורעלער מענטש פאַרשטיין, אַז דער פאַראומגליקטער קריגס-אינוואַליד איז א יוצא מן הכלל פון יענע אָרימעלייט, צו וועלכע מען גייט צו מיט רחמנות און צדקה געפיל — ער איז א קרבן פון סאָציאַלער אומגערעכטיקייט; וועמענס אומגליק — איז אונזער אומגליק, וועמענס ליידן איז אונזער ליידן, און דעריבער איז די הילף דעם אידישן קריגס-אינוואַליד אונזער געזעלשאַפטלעכער חוב און אָבליגאַטאָריש פאַר יעדן אידן.

דער פועל יוצא דערפון איז, אַז די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט דאַרף אָרגאַניזירן אַ שטענדיקע אינסטיטוציע, וואָס זאָל אויספאָרשן דעם עקאָנאָמישן, רעכטלעכן און היגיענישן מצב פון דעם אידישן קריגס-אינוואַליד, *כדי צו רעגולירן זיין סטאַטוס-קוואָ*, ווי פון א יעדער אַנדערן נאָרמאַלן בירגער. שאַפן אַרום דעם אידישן קריגס-אינוואַליד אַזאַ מאָראַלישע סביבה, וואָס זאָל אים געבן א גייסטיקע באַפרידיקונג פאַר די עולות, וואָס די מענטשלעכע אָרדנונג האָט אים געטאָן און צוגלייך דערמיט פאַרלייכטערן אונזער אחריות - געפיל בנוגע אים.

דער הייליקער חוב פון דער גאַנצער אידישער געזעלשאַפט איז נישט צו פאַרגעסן יענע געפאַלענע העלדן, וואָס געפינען זיך אַף די פאַרשיידענע בית-עלמינס, און *פאַראייביקן זייער העלדנמוט דורך אַוועקשטעלן א בכבודיקע מצבה* לויטן ביישפּיל פון אַלע אַנדערע קולטור-פעלקער און דערמיט אונטערשטרייכן נאָך שטאַרקער דעם גרויסן ליגן און די פאַלשע באַהויפּטונג, אַז אידן האָבן זיך פון די מלחמות אַרויסגעדרייט. עס איז שוין געשאַפן געוואָרן אַ פאָנד אויפצושטעלן אַזאַ מין מצבה, אָבער ליידער פעלן נאָך אַסך מיטלען צו פאַרווירקלעכן עס אין לעבן. מיר זיינען אָבער מער ווי איבערצייגט, אַז די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט וועט נישט לאָזן פאַרניכטן דעם וויכטיקן אָנהויב פון דער דאָזיקער אַקציע און וועט אַלץ טאָן, כדי דעם ענין צו רעאַליזירן.

מיר מוזן שאַפן *אַ יורידיש-גאַראַנטירטע רעכטלעכע לאַגע* פאַר די לעטלענדישע און אויסלענדער-אינוואַלידן, וועלכע האָבן נישט די „זכיה" צו באַקומען פּענסיע וכדי זיי זאָלן קענען אויספועלן פון דער מלוכה אַ געזעצלעכע אונטערשטיצונג. פאַר די יעניקע אינוואַלידן, וואָס זיינען נאָך ביכולת צו אַרבעטן, באַדאַרף מען שאַפן די באַדינגונגען, בא וועלכע זיי זאָלן זיך קענען אויסלערנען אַ מלאכה און געבן זיי די נויטיקע מכשירים דערצו, כדי צו קענען זיך מפרנס זיין. צו דעם צוועק מוז געשאַפן ווערן אַ *קאָאָפּעראַטיוו און א קרעדיט-אַנשטאַלט*, דערביי מוז דורכגעפירט ווערן אַ ברייטע קולטורעלע אַנטוויקלונגס-אַרבעט, פאַרפולקומען אונזער זשורנאַל, שאַפן א ביבליאָטעק, א לייען-זאַל און אַלע אַנדערע נויטווענדיקע אינסטיטוציעס, כדי צו העכערן דעם געזעלשאַפטלעכן ניוואָ פון פאַראומגליקטן אידישן קאַליקע.

כדי דאָס אַלץ צו דערגרייכן, מוז די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָבן דעם גרויסן ווילן צו פאַרשטיין, אַז יעדער בירגער לעבט נישט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַרן גאַנצן כלל און באַזונדערס פאַר די זין פון אונזער פאָלק, וואָס האָבן מיט זייער משל באַוויזן, *אַז מען מוז שיין לעבן אָדער שיין שטאַרבן.*

א. א. גרוזענבערג.

# באם פארזיצער פון רוסישן מיניסטארן=ראט.

72750

*(א בלעטל זכרונות).*

אין איינעם פון מיינע קאפיטלען זכרונות, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין דרוק, האָב איך מיר געטיילט מיט די לעזער וועגן מיינע איבערלעבענישן אין צוזאַמענהאַנג מיט די צרות, וואָס זיינען אויסגעפאַלן אַף דעם גורל פון אידן, וועלכע זיינען געבאָרן צוליב דער מלחמה.

ווי אַ בער, וואָס איז איינגעבּיסן דורך אַ גיפטיקע פליג, שליידערט זיך אַף דרערד מיט געבּרוס, רייסט מיט די נעגל זיין גוף, — אַזוי האָבן מיליאָנען רוסישע מענטשן, משוגע ווערנדיק פון די אבדות און בזיונות, אָנגעהויבן שלעכט זיך פאַנאַנדערצוקלייבן צווישן גערעכטע און שולדיקע.

גוט, ווען דאָס וואָלט נאָר געווען דער המון. נאָר ניין, אַפילו די, בּאַ וועמען עס האָט געדאַרפט זיין קלוג נישט נאָר די קאָפּ, נאָר אויך די האַרץ און נישט נאָר די האַרץ, נאָר אויך די בלוטן, אַפילו אויך די — שופטים — האָט פאַנאַנדערגעפלאַקערט. צוטרייסלט דער צוהיצטער מלחמה=פיבער.

הונדערטער אידן האָבן געפונען דעם טויט דורך דער האַנט פון תליון. טויזנטער אידישע פרויען און מיידלעך זיינען פאַרגוואַלטיקט געוואָרן (פון זיי האָבן איניקע איבערגעלעבט דעם אוממענטשלעכן פיין צו ווערן מאַמעס פון קינדער, פאַרגייענדיק זיך אין דראַגן פון תאותדיקן פאַרגוואַלטיקער), צענדליקער טויזנטער זיינען אומשולדיק אומגעקומען פון תליונישע הענט אָדער אין טיפן סיביר, און הונדערטער טויזנטער — זיינען רואינירט געוואָרן ביזן גרונט און אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון די שטעט און שטעטלעך, וואו זיי זיינען געבאָרן געוואָרן, אופגעהאָדעוועט זיך און געאַרבעט, פאַנאַנדערגעשליידערט געוואָרן ווי שפענדלעך אַפן טייכן=גאַנג אין פרעמדע, ביז איצט אומבאַקאַנטע ערטער.

די מיטגלידער פון ביוראָ בּאַ די אידישע דעפּוטאַטן האָבן זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן, נישט ווייסנדיק ווי צו העלפן אין דעם מיראַדיקן אומגליק. מען האָט געקלאַפּט אין אַלע טירן...

האָבן מיר אָנגעקלאַפּט אויך אין די טירן פון פ רזיצער פון מיניסטאָרן=ראַט אי. ל. גאָרעמייקין.

ווען די דעלעגאַציע פון די אידישע דעפּוטאַטן, פאַרשטאַרקט — לויט דעם באַשלוס פון דער באַראַטונג — מיט מיר, איז געקומען אין דעם הויז אַף מאַכאָווע, איז זי תיכּף אַריינגעפירט געוואָרן אין גאָרעמייקינס גרויסן קאַבינעט.

אונז אַנטקעגן האָט זיך אופגעהויבן פון זיין שטול, איינגעבויגן אין דרייען אַן אַלטער זקן מיט לעבעדיקע יונגטלעכע אויגן.

יעדערער פון אונז, אָנרופנדיק זיין נאָמען, האָט אַלס ענטפער באַקומען אַ פריינטלעכע דערקלערונג:

„זייער צופרידן... ווי זשע, כ'ווייס... כ'ווייס... געהערט“.

ווי מיר האָבן זיך נאָר אויסגעזעצט בּאַ אַ גרויסן רונדן טיש, האָט גאָרעמייקין מיט גרויס התמדה אָנגעהויבן אונז מכבד זיין מיט פּאַפּיראָסן פון אַ פולגעפּאַקטן פאַרטסיגאַר — און האָט פאַרדרוס געהאַט, ווען איינער נאָכן אַנדערן האָבן מיר זיך גענומען אָפּזאָגן, איניקע מיטן תירוץ אַז זיי רויכערן נישט, און אַנדערע — אַז זיי האָבן אָקאָרשט גערויכערט.

מען האָט אַ שמועס געטאָן וועגן די צרות, וואָס האָבן אונז געבּראַכט צו אים.

דער זקן איז תיכּף געוואָרן פאַרגליווערט, זיינע אויגן האָבן זיך אויסגעלאָשן — און פון זיינע פילגאַרנדיקע, געקרייצטע קנייצן האָבן זיך גענומען אַנטפּלעקן זיינע מידע יאָרן.

הילפלאָז, אויסשטרעקנדיק די הענט, האָט ער אָנגעהויבן אין עטלעכע מינוט אַרום מעשה=אידענע רחמנותדיקן אַרויסצוזייען:

— „מען דערהרגעט... מען גזלט... מען פאַרגוואַלטיקט... איך ווייס — אַלץ ווייס איך. נאָר וואָס קען איך מיט זיי טאָן? האָב גערעדט מיט זיי, געבעטן זיי... פאָלגן נישט“.

און נאָכדעם, שווייגנדיק אַ רגע, האָט ער ווידער, געפינענדיק דעם געפּרואווטן וועג, אופגעשיינט, און מיט אַ מוטיקן קול, פאַרענדיקט:

— „אָט וואָס... ד' טעג פאָר איך אין „סטאַווקע“. גרייט צו אַ „צעטעלע“. נאָר גדיינקט: פאָרזיכטיקער... לייכטער!...“

מיר האָבן זיך אופגעהויבן און, דריקנדיק נאָך די ר'יי די אויסגעשטרעקטע האַנט, האָבן מיר זיך אַ לאָז געטאָן גדיכט צום טיר. איך האָב זיך אומגעקוקט: גיך, וואַרפנדיק מיט די ציטערדיקע פיס, האָט גאָרעמייקין זיך געהיילט אונז אָנצוזאָגן, כּדי שוין באַם טיר אונז אַרויסצובאַגלייטן מיט אַ פריינטלעכן „צאתך לשלום“.

אַראָפּלאָזנדיק זיך פון טרעפּ, האָב איך, לסוף, זיך געכאַפּט, פאַרוואָס גאָרעמייקין האָט מיט אַזאַ התמדה אונז מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן און געהאַט פאַרדרוס, ווען קיינער פון אונז האָט זיך נישט באַנוצט מיט זיין פריינטלעכקייט — דאָס איז דאָך אייגנטלעך דאָס א י נ צ י ק ע, וואָס דער ראש פון דער רוסלענדישער רעגירונג האָט געקענט געבן אַ אידישער דעלעגאַציע, וועלכע האָט געבעטן הילף פאַר דערהרגעטע, פאַרגוואַלטיקטע און פאַרטריבענע — מיט אַ ניט מענטשלעכער אכזריות פון זייערע חרוב געוואָרענע היימען.

פאַרשעמטע פון דעם נאַרישן וויזיט, האָבן מיר דאָ שוין באַשלאָסן קיין שום „צעטעלע“ נישט אָנצוגעבן.



סענאטאר א. א. גרוזענבערג.

פארפיום און זייף-פאבריק

„FLORANGE“

ריגע, הערן גאס № 33.

ליש — ווייל אַפילו פון פּראָסטן ביזנעס־שטאַנדפּונקט עקאָנאָמיש, איז מלחמה אַ פולשטענדיקער דורכפאַל. יאָ, מען קען אָנווייזן אַף מדינות, וועלכע האָבן כלומרשט געפירט אַ קורצע און זיגרייכע מלחמה. אָבער אַפילו אין אַזעלכע פאַלן גלויב איך, אַז ווען מען זאָל פירן אַ חשבון פון דעם, וואָס עס האָט אָפּגעקאָסט די מלחמה און דאָס דורכפירן זי וואָלט דער סך־הכל געוויזן נישט קיין ריוח, נאָר אַ דעפיציט“.

און אויב „מלחמה פירן איז קיין געשעפט נישט“, דעמאָלט לאָזט שוין דער פּראַקטישער ביזנעסמאַן זיך נישט כאַפּן מיט קיין פילאַנטראָפּישע טעאָריעס. פילאָזאָפיע איז טאַקע זייער אַ גוטע זאַך, אָבער נאָר דאַן, ווען זי ברענגט ריוח, קוים ברענגט זי אָבער אַ דעפיציט, איז זי קיין פילאָזאָפיע נים.

אַזוי טאַקע באַציט זיך קולידזש צו דער פילאָזאָפישער טעאָריע, וועלכע די אימפּעריאַליסטישע און בלוטדורשטיקע פּסידאָ־געלערנטע האָבן צוגעטראַכט, כדי „ווויסנשאַפטלעך“ צו באַרעכטיקן דעם עקלהאַפטן מאַסן־מאָרד, די דאָזיקע טעאָריע באַשטייט אין דעם, אַז די מלחמה איז אַ ברכה פון דער נאַטור, מען דאַרף האָבן פון צייט צו צייט מלחמה, כדי זי זאָל „אָפּרייניקן“ די מענטשהייט. נאָך אַ מלחמה בלייבט די וועלט „ריין“. דאָס בעסטע און געזונטסטע בלייבט לעבן און דאָס שוואַכע און פאַרפוילטע ווערט אָפּגעווישט, פאַרניכטעט. עס גייט אַוועק אַ צייט און די וועלט ווערט ווידער „פאַראומרייניקט“ — דעמאָלט קומט ווידער אַ מלחמה און „רייניקט“ ווירער אָפּ די מענטשהייט.

די דאָזיקע מענטשנפרעסערישע „טעאָריע“ לאַכט קולידזש גאַנץ טרעפלעך אויס:

„די טעאָריע, אַז די נאַטור לאָזט לעבן די בעסטע און געזונטסטע, קלינגט זייער שיין. אַלס איינצלנע מענטשן און אַלס ראַסע מוזן מיר אויסקעמפן אונזער אָרט אַף דער וועלט אָדער פאַרפוילט ווערן און אונטערגיין, און קיינער וועט נישט לייקענען, אַז די בעסטע דאַרפן בלייבן עקסיסטירן. אָבער איך גלויב קוים, צו וועלכער עס איז פאָלק איז אונטערגעגאַנגען, ווייל ער האָט נישט געפירט גענוג מלחמות. גיכער איז עס געשען, ווייל זיי האָבן נישט געוואוסט, ווי צו שעצן דעם שלום.

„ווען דער מלאך־המות ענדיקט זיין בלוטיקע אַרבעט, וועט איר פעסטשטעלן, אַז גראָד די שוואַכערע, די מיט ווייניקער מוט, זיינען געבליבן לעבן, און די שטאַרקערע, די בעסערע און העלדישערע יונגע־לייט זיינען געפאַלן“. די בעסטע פון לאַנד — הייסט עס — בלייבן ליגן אַפן שלאַכט־פעלד מיט דורכגעשאָסענע לייבער און די גענעראַלן, דיפּ־לאָמאַטן, זשאַנדאַרמען, ספּעקולאַנטן און נאָך אַזעלכע בלייבן לעבן. מען קען נישט זאָגן: שוין איינמאָל אַ „רייניקונג“...

און שטענדיק פּנים אל פּנים מיט דעם בילאַנס פון דער לעצטער און גרעסטער מענטשן־שחיטה, פון דעם לעצטן „געשעפט“, וואָס רופט זיך „מלחמה“, פאַרענדיקט קולידזש — „נידער מיט דער מלחמה — עס איז אַ מיאוסע און שלעכטע ביזנעס!“...

*א.*

72751

# הונגער.

*מ. גערץ.*

(פון דער מלחמה־צייט).

אין דרויסן האָט פאַרצערט דער שווערד, און אין שטוב איז געווען אַן אימה!

און דער סוף איז נאָך געווען ווייט!

עופעלעך האָבן אומזיסט זיך געמאַטערט אַרויסצובאַקומען פון דער מאַמעס טויטער ברוסט אַ טראָפּן מילך, אַלטע לייט האָבן אומזיסט געזוכט אין די מיסטקאַסטנס אַ שטיקל אָפּפאַל, יונגע קינדער האָבן אומזיסט פאַרגאָסן טרערן, בעטלענדיק אַ שטיקל ברויט — אַלץ האָט זיך געענדיקט!

די ערד איז ווי מיט זאַלץ אויסגעאַקערט געוואָרן און דער הימל האָט זיך ווי מיט אַ קופּער־דעק פאַרצויגן.

יעדער האָר אַפן קאָפּ — אַ נאָדל, געשטאָכן און געדרעלט אין מוח, דער קערפּער — פאַנאַנדערגעשרויפט און די איברים — אַרויס פון זייערע נעסטן, יעדע האַנט — אַ באַלקן, און אַף יעדער פוס — פודיקע שטיינער.

עס האָט געהערשט דער גרויסער אומבּרחמנותדיקער הונגער!

עס איז שוין פאַר קיינעם קיין נייס נים געווען, וואָס אַלטע און יונגע פאַלן אַף די גאַסן פון הונגער, אַז עופעלעך זיינען אויסגעגאַנגען מיט דער ברוסט אין מויל פון זייערע אָקאָרשט פון הונגער פאַרשטאָרבענע יונגע מאַמעס...

און דער סוף איז נאָך געווען ווייט!

*

דער הונגער האָט מיך טייוולאָניש געמאַטערט.

מיין הונגעריקע פאַנטאַזיע האָט מיט מיר געשפּילט אַ חוזק־שפּיל און אַ שפּאָטישן סוד מיר אַריינגעראַמט אין אויער:

— זוך אָקאָרשט גוט אין שטוב, נישטער דורך אַלע לעכער און שפּאַלטן, — ערגעץ ליגט אַ שטיקל ברויט, אַ פאַרגעסענע שקאָרינקע פון די זאַטע יאָרן!

און איך האָב געזוכט און גענישטערט אין אַלע לעכער און לסוף געפונען ערגעץ פאַרבאַהאַלטן אַ האַלבע גלאָז און אַ כזית ברויט.

איך האָב גוט געוואוסט, אַז די שטיקל ברויט און טראָפּן מילך האָט מיין מאַמע צוגעגרייט פאַר איר מסוכנדיק־קראַנקע בת־יחידה, אָבער איך האָב קיין כח ניט געהאַט אָפּצוזייסן זיך פון דעם אוצר. דאָס ביסל מילך האָט גענומען לעשן מיינע פאַרברענטע ליפּן פון הונגער, געלאָשן אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן די הונגער־שריפה, און דאָס שטיקל ברויט האָט דערקוויקט מיין פאַרחלשט האַרץ.

יעדער טראָפּן האָט געוואָרגן: דו זעטיקסט זיך מיט דאָס ביסל חיות פון די קראַנקע שוועסטער, אָבער קיין כח ניט געווען זיך אָפּצוזייסן!

שטראָף מיך ניט גאָט, פאַר מיין גרויסן חטא!...

*

און אין אַ פּאָר טעג אַרום, בעת דער הונגער האָט גענומען ווידער שטעכן מיט זיינע שאַרפע נאָדלען, האָב איך ווידער געזוכט.

דאָסמאָל האָב איך גאָרנישט געפונען.

די מאַמע איז געוואָרן קליגער:

זי האָט עס משמעות פאַרשטעקט און באַהאַלטן ערגעץ מחוץ דער שטוב.

איך האָב ווידער געזוכט און זיך געדראַפּעט אַף די גלייכע ווענט!

פּלוצלונג — גוואַלד! אַף דער סאַמער אויבערלאַגע האָב איך אַנטדעקט אַ זעקל מיט ווייסע מעל!!!

האָט עס אַ לעגענדאַרער מלאך אונז אַראָפּגעוואָרפן פון הימל אָדער דוכט זיך עס מיר אויס צוליב מיין הונגער־פיבער!?

ניין, עס איז טאַקע מעל ממש, ווייסע מעל, און אודאי אַ האַלבער פוד!

ווי קומט צו אונז אין אַזאַ הונגער־צייט ווייסע מעל, אַ האַלבער פוד און דוקא אַפן באַלקן?

מיין טאַטע האָט מיר דעם סוד אַנטדעקט:

אַז דער שונא האָט זיך מיט אַ האַלב יאָר צוריק גענומען דער־נעענטערן צום שטאָט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס וועט פאַרפעלן מעל, האָב איך פון דאָס לעצטע צוגעגרייט אַ האַלב פוד ווייסן מעל אַף מצה, אַף פּסח! כ'האָב עס באַהאַלטן אַף דער סטעליע, קיינער טאָר דערפון קיין הנאה ניט האָבן ביז פּסח.

*

פּסח זיינען מיר געווען פון די געציילטע אין שטאָט, וואָס האָבן געבאַקן מצה. מיר האָבן מצה געהאַט די והותר.

*

איך האָב אַצונד ערשט באַנומען, וואָס עס הייסט גלויבן.

וואו יעמט מען אָבער מיין טאַטנס גלויבן?!

72753

סטעפאן צווייג.

# דער קבר פון אומבאקאנטן סאלדאט.

באַם ברעג פון גענפער אָזערע, ניט ווייט פון דער קליינער שווייצער שטאָט ווילעניווע, האָט אַ פישער, וועלכער האָט זיך אַוועקגערוקט מיט זיין קליינער פישער־שיפל אַ שטיק ווייט אין אָזערע, דערזען אין אַ זומער־נאַכט אין יאָר 1918 אַ מערקווירדיקע דערשיינונג: אין מיטן וואסער איז געזעסן אַ נאַקעטער מענטש אַף צוויי קוים צוזאַמענגעבונדענע באַלקנס און האַלטנדיק אין די הענט אַ ברעט האָט ער אומגעשיקט גערודערט, פאָרנדיק אַלץ ווייטער אין אָזערע. אַ פאַרוואונדערטער איז דער פישער גיך צוגעפאָרן צו דעם מענטשן און האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין שיפל. ער האָט דעם נאַקעטן און פאַרמאַטערטן מענטשן צוגעדעקט על פי נויט מיט נעצן. דער פישער האָט געפרואווט מיט אים ריידן, אָבער יענער האָט געענטפערט אַף אַזאַ לשון, וואָס איז געווען פאַרן פישער אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך. דער פישער האָט איינגעזען, אַז ער וועט זיך מיט אים ניט צוזאַמענריידן און ער האָט גענומען גיך פאָרן צום ברעג.

דערווייל האָט אָנגעהויבן צו טאָגן און דער פישער האָט געקענט זען דעם פנים פון דעם געראַמעוועטן מענטשן, אַ קינדישער שמייכל האָט געשיינט אַף זיין באַוואַקסענעם פנים. ער האָט באַוועגט מיט איין האַנט און אָפט, אַזוי ווי פרעגנדיק, אַרויסגעשטאַמלט איין וואָרט, וועלכער האָט געקלונגען ווי ראָסיאַ. ער איז געוואָרן אַלץ גליקלעכער און פרייליכער ווענדיק, אַז די שיפל נענטערט זיך צום ברעג. ענדלעך איז די שיפל צוגעפאָרן צום ברעג. די פרויען פון די פישערס האָבן אים דערוואַרט אַפן ברעג. ווי אַנטווישט זיינען זיי אָבער געוואָרן, דערזעענדיק אין שיפל אַנשטאָט פיש אַ נאַקעטן מענטשן, איינגעוויקלט אין נעצן. אָבער ביסלעכוויז, אָנגעלאָקט דורך דער זעלטענער געשעעניש, האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ גאַנצע מחנה מענטשן באַם ברעג. עס איז אויך געקומען דער פעלדפעבל פון דאָרף, וועלכער האָט געמיינט, אַז ער האָט געפאַקט אַ דעזערטיר, וועלכער איז אַנטלאָפן פון דער פראַנצויזישער אַרמיי און געלאָזן זיך שווימען פון פראַנצייזישן ברעג. ער איז באַלד אַף אַן אָרט צוגעטראָטן צום פאַרהער, אָבער ער האָט עס ניט געקענט. דורכפירן, ווייל דער נאַקעטער מענטש, וועלכער האָט שוין אגב באַקומען פון די מענטשן אַ יאַק און הויזן, האָט אַף אַלע זיינע פראַגן געענטפערט נאָר מיט איין פראַגע — וואָרט „ראָסיאַ"?!! דעם פעלדפעבל האָט זייער פאַרדראָסן, וואָס אים איז ניט געלונגען עפּעס צו דערגיין און ער האָט מיט זשעסטן געגעבן דעם פרעמדן צו פאַרשטיין, אַז ער זאָל גיין מיט איבּ. דער מענטש איז אים נאָכגעגאַנגען ביזן דאָרף־אַמט־הויז, באַגלייט פון אַ גאַנצן המון מענטשן פון דאָרף, וועלכע האָבן נייגעריק געקוקט אַף דעם הויכן מענטשן, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין קורצע הויזן און אַ ברייטן יאַק. ווען מען האָט אים געבראַכט אין אַמט־הויז, האָט ער גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר זיינע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן און זיינע הויכע פלייצעס האָבן געצוקט פאַר פחד.

די ידיעה וועגן דעם מענטשלעכן פישפאַנג האָט דערגרייכט ביז צום האָטעל פון דאָרף. עטלעכע דאַמען און הערן פון די געסט זיינען געקומען באַקוקן דעם משונהדיקן פאַרשוין. איין פרוי האָט אים געשאָנקען אַ קאָנפעקט, אָבער ער האָט אים באַקוקט מיט אַ חשד און געלאָזן ליגן. איין הער האָט אים פאָטאָגראַפירט און אַלע האָבן לוסטיק געפּלוידערט וועגן אים. ענדלעך איז געקומען דער פאַרוואַלטער פון אַ גרויסן גאַסט־הויז, וועלכער האָט אַ צייט מיט יאָרן געלעבט אין אויסלאַנד און האָט געקענט פאַרשיידענע שפּראַכן.

ער איז צוגעגאַנגען צו דעם אינגאַנצן דערשראָקענעם פרעמדן און האָט אָנגעהויבן אים אויספרואוון אַף פאַרשיידענע שפּראַכן: דייטש, איטאַליעניש, ענגליש, פראַנצויזיש און צום סוף אויך אַף רוסיש. ווי נאָר דער פרעמדער האָט דערהערט די רוסישע שפּראַך, האָט ער אופגעצוקט פאַר פרייד, אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן אַף זיין פנים און פּלוצלונג האָט ער אָנגעהויבן פריימוטיק און זיכער צו דערציילן זיין גאַנצע געשיכטע. זי איז געווען לאַנג און פאַרדרייט, אַנדערע פּרטים אינגאַנצן ניט פאַרשטענדלעך. אָבער אין תוך איז זי געווען אַן ערך אַזוי: ער האָט געקעמפט אין רוסלאַנד. איינמאָל האָט מען אים מיט נאָך טויזנטער אַנדערע פאַרפּאַקט אין וואַגאָנעס און אַוועקגעפירט ערגעץ וואו; שפּעטער האָט מען זיי אַריינגעזעצט אין שיפן און נאָך לייגער געפירט דורך לענדער, וואו עס איז געווען אַזוי הייס, אַז די ביינער פון אַ מענטשן האָבן געקענט ווייך ווערן. צום סוף זיינען זיי געבראַכט געוואָרן צום פראָנט, וואו מען האָט זיי באַפוילן צו שטורעמען אַ באַרג, און ווייטער געדיינקט ער ניט, ווייל ער האָט באַקומען אַ שאָס מיט אַ קויל אין פוס.

די צוהערער, פאַר וועלכע דער דאָלמעטשער האָט איבערזעצט און דערקלערט, האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער פליכטלינג איז אַן אָנגעהעריקער צו יענער דיוויזיע פון דער רוסישער אַרמיי, וועלכע איז געשיקט געוואָרן איבער סיביר און וולאַדיוואָסטאָק, אַפן פראַנצויזישן פראָנט. אויסגעמישט מיט רחמנות־געפיל, האָט זיך באַ אַלעמען דערוועקט דער נייגיר צו דערגיין, וואָס עס האָט אים געבראַכט צו אַנטלויפן אַף אַזאַ משונהדיקן אופן. מיט אַ האַלב גוטמוטיקן און אַ האַלב־כיטרען שמייכל האָט דער רוס ווייטער דערציילט, אַז ווי נאָר ער האָט באַקומען אַביסל כח, האָט ער גענומען פרעגן, וואו עס געפינט זיך רוסלאַנד און אַז מען האָט אים באַוויזן די ריכטונג, האָט ער עס זיך אָנגעמערקט נאָך דער שטעלונג פון דער זון און די שטערן. איינמאָל באַנאַכט איז ער אַנטלאָפן. געוואַנדערט טעג און נעכט, זיך געהאַלטן פאַרבאָרגן פון די פּאַטרולן אין סטאָגעס היי, געשפּייזט זיך מיט פירות און מיט געבעטלטע ברויט, ביז ער האָט דערגרייכט דעם ברעג פון דער אָזערע. זיין ווייטערדיקע דערציילונג איז געווען זייער אומדייטלעך; ווי עס האָט געשיינט, האָט ער, שטאַמענדיק פון דער באַיקאַלגעגנט, געמיינט, אַז אַפן אַנדער ברעג פון דער אָזערע איז געוויס רוסלאַנד. בכל אופן האָט ער דערציילט, אַז ער האָט גענגבעט צוויי באַלקנס, האָט זיך אַף זיי אַוועקגעלייגט און מיט דער הילף פון אַ ברעט האָט ער זיך געלאָזן שווימען. ער איז שוין געווען גאַנץ ווייט אַוועקגעשוואומען, איז געקומען דער פישער און האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין שיפל. זיין דערציילונג האָט ער געענדיקט מיט אַ פראַגע אין אַ פחדיקן טאָן, אויב ער וועט שוין מאָרגן קענען זיין אינדערהיים. אַלע אַרומשטייענדיקע האָבן אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער איבער דער אומוויסנקייט פון דעם רוסן. ער איז געווען אַזוי אומגעבילדעט, אַז ער האָט וועגן זיך נאָר זיין נאָמען געקענט זאָגן און אַפילו וועגן זיין אייגן דאָרף האָט ער קיין קלאָרע פאָרשטעלונג ניט געקענט געבן. ער האָט דערציילט, אַז ער וואוינט פופציק ווערסט ווייט פון אַ גרויסער אָזערע, מיט זיין פרוי און דריי קינדער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַראַטונג וועגן אים און ער איז געשטאַנען אינמיטן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און מיט אַ טעמפּן בליק. בשעת די מענטשן האָבן געפירט צווישן זיך דעם שמועס, האָט דער פרעמדער פון צייט צו צייט אופגעהויבן זיינע אויגן און געקוקט אַף די ליפּן פון דעם דאָלמעטשער און נאָכדעם, ווי דער ליאַרם איז שטיל געוואָרן, האָט ער אופגעהויבן זיינע הענט מיט אַ געבעט צו דעם דאָלמעטשער, אַז ער זאָל אים מודיע זיין דעם רעזולטאַט פון דער באַראַטונג וועגן אים. דער בעל־הבית פון גאַסטהויז איז צו אים פריינטלעך צוגעגאַנגען און אים דערקלערט, אַז ער קען רואיק זיין, עס וועט מיט אים דערווייל גאָרנישט טרעפן און ער וועט קענען זיין אין גאַסטהויז, וואו עס וועט פאַר אים געזאָרגט ווערן. דער רוס האָט אים געוואָלט קושן די הענט, אָבער יענער האָט ניט געלאָזן. ער האָט אים באַוויזן די הויז, וואו ער וועט האָבן זיין צימער, זיין בעט און זיין עסן. און נאָכאַמאָל אים האַרציק באַרואיקנדיק, איז ער אַוועקגעגאַנגען צום האָטעל.

דער רוס איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך און מיט שטאַרע אויגן

האָט ער נאָכגעקוקט דעם אוועקגייענדיקן איינציקן מענטשן, וועלכער האָט אים פאַרשטאַנען. צום סוף איז איינער צו אים צוגעגאַנגען, מיט מיטלייד אָנגענומען פאַרן האַנט און אַריינגעפירט אין האָטעל. מיטיקצייט זיינען אָנגעקומען אַסך מענטשן אין צימער. זיי האָבן הילכיק געלאַכט און גערעדט וועגן אים. ער האָט דערפילט זיין פרעמדקייט אין דעם דאָזיקן אָרט, וואו ער איז אַזוי ווי טויב און שטום צו דעם גאַנצן געטומל און די הענט האָבן אים געציטערט, אַז ער האָט קוים געקענט עסן די זופּ. פּלוצלונג איז אים אַרויס אַ גרויסער טרער פון די אויגן און געפאַלן אַפן טיש. פאַרשעמט האָט ער זיך אומגעקוקט און האָט איינגעבויגן די קאָפּ. די אַנדערע האָבן עס באַמערקט און אַלע זיינען שטיל געוואָרן. ביזן אָוונט איז ער אַזוי געבליבן זיצן, מענטשן זיינען אַריין און אַרויס, ער האָט זיי ניט געפילט און זיי אים — שוין אויך ניט. ווי אַ שטיק שאָטן איז ער געזעסן אין ווינקל באַם אויוון, אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אַפן טיש. פּלוצלונג האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און איז אַוועק צו דער טיר פון האָטעל. אַ שעה און צוויי איז ער דאָרטן געשטאַנען לעבן טיר, האַלטנדיק זיין היטל אין האַנט און קיינעם מיט זיין בליק ניט אָנגערירט. איינער פון די לויפאיינגלעך, וועלכער האָט עטלעכע מאָל באַמערקט, ווי ער שטייט אַלץ אַף איין אָרט, האָט געמעלדעט וועגן אים דעם ווירט פון האָטעל, וועלכער איז באַלד אַרויסגעקומען. די פינצמערע אויגן פון דעם פרעמדן האָבן אַביסל אויפגעלויכטן, ווען ער האָט דערהערט אַ שלום עליכם אַף זיין אייגענער שפּראַך.

— וואָס ווילסטו באָרים? — האָט דער ווירט געפרעגט גוטמוטיק.

— איר זאָלט מיר מוחל זיין, — האָט געשטאַמלט דער פרעמדער — איך האָב נאָר געוואָלט וויסן... אויב איך קען גיין אַהיים.

— געוויס, באָרים, דו וועסט קענען גיין אַהיים — האָט געשמייכלט דער ווירט.

— מאָרגן שוין?

דאָ איז דער ווירט אויך ערנסט געוואָרן.

— ניין, באָרים, איצטער נאָך ניט... ביז דער קריג וועט זיך ענדיקן.

— און ווען וועט זיך דער קריג ענדיקן?

— דאָס ווייס איך ניט, מיר מענטשן ווייסן עס ניט.

— און פריער קען איך ניט גיין, פריער?

— ניין, באָרים.

— איז עס דען אַזוי ווייט?

— יאָ.

— פיל טעג נאָך?

— פיל טעג.

— און דאָך וויל איך גיין, הער! איך בין שטאַרק, איך ווער ניט מיד.

— אָבער דו קענסט ניט, באָרים, עס איז דאָך אַ גרענעץ דאָ צווישן.

— אַ גרענעץ? — ער האָט אים טאַמעוואַטע אָנגעקוקט. דער וואָרט איז אים געווען פרעמד; דערנאָך האָט ער ווידער באַמערקט מיט אַ מערקווירדיקער האַרטנעקיקייט:

— איך וועל אַריבערשווימען.

— ניין, באָרים, דאָס גייט ניט. אַ גרענעץ, דאָס איז אַ פרעמדע לאַנד, די מענטשן וועלן דיר ניט דורכלאָזן.

— אָבער איך טו זיי דאָך גאָרנישט! איך האָב דאָך מיין געווער אַוועקגעוואָרפן. פאַרוואָס זאָלן זיי מיר ניט לאָזן צו מיין פרוי און קינדער, ווען איך וועל זיי בעטן אין קריסטוס ווילן? — דער ווירט איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ ערנסטער, אַ ביטערקייט האָט אים אַרומגענומען. — ניין, — האָט ער געזאָגט — זיי וועלן דיר ניט אַריבערלאָזן, די מענטשן פאָלגן איצטער ניט מער קריסטוס וואָרט.

— אָבער וואָס זאָל איך טאָן, הער? איך קען דאָך דאָ ניט בלייבן, די מענטשן פאַרשטייען מיר ניט און איך פאַרשטיי זיי ניט.

— דו וועסט זיך שוין אויסלערנען.

— ניין, הער — ער האָט טיף איינגעבויגן דעם קאָפּ — איך קען ניט לערנען, איך קען נאָר אַרבעטן אַפן פעלד, ווייטער קען איך גאָרנישט. וואָס זאָל איך דאָ טאָן? איך וויל אַהיים! ווייז מיר דעם וועג! זיי קענען מיר דאָך ניט פאַרבּיטן צוריקצוקערן זיך צו מיין פרוי און מיינע קינדער! איך בין דאָך מער ניט קיין סאָלדאַט!

— זיי קאָנען עס יאָ, באָרים.

— און דער צאַר? — ער האָט עס געפרעגט גאַנץ פּלוצלונג, ציטערנדיק פאַר ע ר פ ו ר כ ט און דערוואַרטונג.

— עס איז מער ניטאָ קיין „צאַר“, באָרים, די מענטשן האָבן אים אַראָפּגעזעצט.

— עס איז מער ניטאָ קיין „צאַר“?.. — טעמפּ האָט ער געגלאָצט מיט די אויגן, די לעצטע ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן אין זיינע בליקן, דערנאָך האָט ער געזאָגט גאַנץ מיד:

— איך קען, הייסט עס, ניט מער אַהיים?

— איצט ניט, דו מוזט וואַרטן, באָרים.

— לאַנג?

— דאָס ווייס איך ניט.

אַלץ פינצטערער איז געוואָרן זיין פּנים;

— איך האָב שוין אַזוי לאַנג געוואַרט! איך קען מער ניט וואַרטן, ווייז מיר דעם וועג! איך וועל שוין פּרובירן! איך קען דאָ ניט בלייבן! העלף מיר, העלף מיר, גוטער הער!

— איך קען ניט, באָרים.

— העלף מיר אום קריסטוס ווילן, הער! העלף מיר, איך קען ניט מער! — זיי זיינען געשטאַנען שטום איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, באָרים האָט געדרייט זיין היטל אין זיינע הענט: — פאַרוואָס האָבן זיי מיר דעמאָלט אַוועקגענומען פון מיין הויז? זיי האָבן געזאָגט, אַז איך מוז פאַרטיידיקן רוסלאַנד און דעם צאַר, אָבער רוסלאַנד איז דאָך ווייט פון דאַנען און דו זאָגסט, אַז זיי האָבן דעם „צאַר“.. ווי האָסטו געזאָגט?

— אַראָפּגעזעצט.

— אַראָפּגעזעצט — האָט ער זינלאָז איבערגעחזרט דעם וואָרט.

— וואָס זאָל איך איצטער טאָן, ליבער הער! איך מוז אַהיים! מיינע אָרימע קינדער שרייען צו מיר, איך קען דאָ ניט לעבן! העלף מיר, העלף מיר, ליבער הער!

— איך קען ניט, באָרים!

— און קיינער קען מיר ניט העלפן?

— איצטער קיינער ניט.

דער רוס האָט אַלץ טיפער איינגעבויגן זיין קאָפּ, דערנאָך האָט ער פּלוצלונג טעמפּ אַרויסגעזאָגט: — איך דאַנק דיר, הער — און איז אַוועקגעגאַנגען. פּאַמעלעך איז ער געגאַנגען דעם וועג אַרונטער. דער ווירט האָט אים לאַנג נאָכגעקוקט, האָט זיך געוואונדערט, וואָס ער גייט ניט צום גאַסטהויז, נאָר די טרעפּ אַראָפּ צו דער אָזערע. ער האָט טיף אָפּגעזיפצט און איז ווידער אַרויף צו זיין אַרבעט אין האָטעל...

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז גראָד דער זעלביקער פישער זאָל אַפן אַנדערן פרימאָרגן געפינען דעם קערפּער פון דעם דערטרונקענעם רוס. ער האָט זאָרגעוודיק אַוועקגעלייגט אַפן בר׳ג די געשאָנקענע הויזן, יאַק און היטל און איז אַוועק אין וואַסער אַ נאַקעטער, ווי ער איז פריער אַרויס. אַ פּראָטאָקאָל איז געמאַכט געוואָרן וועגן דעם גאַנצן פאַרפאַל, און וויל מען האָט דעם פאַמיליענאָמען און פון וואַנען ער שטאַמט ניט געוואוסט, האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ קליינעם הילצערנעם צלם אַף זיין קבר, איינעם פון יענע ביליקע צלמים, אַף דעם גורל פון נאָמענלאָזע אומבאַקאַנטע סאָלדאַטן, מיט וועלכע אייראָפּע איז א׳צטער באַדעקט פון איין ברעג ביז צום אַנדערן.

72754

סיים-דעפּ. י. דזעלזיט.

# דער קאַמף פאַר העכערן די פּענסיעס די קריגס־אינוואַלידן.

דעם קאַמף פאַר העכערן די פּענסיעס האָבן די קריגס=אינוואַלידן אָנגעהויבן שוין אין 1922 יאָר. אַלע ווענדונגען צו דער רעגירונג זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן, מיט דעם תירוץ, אַז עס פעלן אויס, כלומרשט, די געהעריקע מיטלען, אין דער צייט, ווען די רעגירונג פלעגט אַרויסגעבן ריזיקע סומעס רייכערע און מאַטעריעל=פאַרזיכערטערע, אַרבעטספייאיקע אָפיצערן, נאָר די פאַראָרימטע און אַרבעטסאומפייאיקע אינוואַלידן זיינען געצוואונגען געווען צו שטיין אין די גאַסן און בעטן נדבות. עס האָט געמוזט אַ סוף נעמען צו דער לאַגע. די קאַמפּאַניע, וואָס די אינוואַלידן האָבן דאַמאָלסט אָנגעהויבן, איז געצייכנט געוואָרן מיט דערפאָלג. אין זעלביקן יאָר, אין דעקאַבר חודש זיינען די פּענסיעס לויט דעם באַשלוס פון מיניסטאָרן=קאַבינעט געהעכערט געוואָרן ביז פאָלגנדיקע נאָרמעס: 1=טע קאַטעגאָריע — 78,93 לס., 2=טע קאַט. — 52,62 לס. א. א. וו. 5=טע קאַט. — 10,52 לס. אַזוי זיינען די נאָרמעס געבליבן ביזן 1=טן אַפּריל 1928, כאָטש דער לעבנס=מינימום האָט זיך אונטערדעסן שטאַרק פאַרטייערט.

זעענדיק, אַז מיט וואַרטן און שטילשווייגן וועלן די אינוואַלידן גאָרנישט ניט דערגרייכן, איז אַנטשטאַנען די אידעע איינצואָרדנען אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס זאָל זיין דער לעצטער מיטל פון קאַמף. דעם 5=טן פעווראַל 1928 זיינען די אינוואַלידן און די פאַמיליען=אָנגעהעריקע פון די געפאַלענע אַרויס אין גאַס דעמאָנסטרירן, כדי צו דערוויזן, באַשיינפערלעך, די גערעכטע פאָדערונגען פון די פאַראומגליקטע קאַליקעס. נאָר אַ דאַנק דער דאָזיקער אַקטיווער אַקציע, זיינען אין אַפּריל 1928 יאָר די פּענסיע=נאָרמעס געהעכערט געוואָרן אַף 17 פּראָצ., כאָטש די אינוואַלידן האָבן געפאָדערט, מען זאָל העכערן אַף 50 פּראָצ. לויט די נאָרמעס באַקומען איצט די אינוואַלידן: 1=טע קאַטעגאָריע—92,35 לס., 2=טע קאַט. — 61,57 לס., 3=טע קאַט. — 43,11 לס., 4=טע קאַט. — 24.13 לס., 5=טע קאַט. — 12,31 לס.

אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, אַז נישט קוקנדיק אַף דעם, וואָס די מלוכה דערקלערט שטענדיק די סיבה פון אַזאַ שוואַכער אונטערשטיצונג מיטן אויספעלן פון מיטלען, האָט די בירגערלעכע מערהייט געפונען פאַר מעגלעך אָנצונעמען דעם פּענסיע=געזעץ וועגן די געוועזענע פּענסיאָנערן זשאַנדאַרמען און גובערנאַטאָרס, באַשטימענדיק זיי דערביי אַ סך העכערע נאָרמעס, ווי די אינוואַלידן, וואָס האָבן מיט זייער בלוט אויסגעקעמפט לעטלאַנדס פרייהייט.

פון דעם מלוכה=בודזשעט פאַרן 1928/29 איז צו זען, אַז 14,564 פּענסיאָנערן איז אויסגעצאָלט געוואָרן אַ סומע פון 5.032,931 לאַט. אויב מיר מאַכן אַ פאַרגלייך זעען מיר, אַז 12,526 פּענסיאָנערן, וואָס האָבן געליטן פון קריג איז אויסגעצאָלט געוואָרן 3,174,428 לאַט, אָדער יעדער פּענסיאָנער דורכשניטלעך 253,40 לאַט, אָבער 2038 אויסדינסט=פּענסיאָנערן האָבן באַקומען 1.858,503 לאַט אָדער דורכשניטלעך יעדע פּערזאָן 911,40 לאַט. פון דעם פאַרגלייך איז צו זען די גרויסע סאָציאַלע עולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן לגבי די, וואָס האָבן זייער לעבן געבראַכט פאַר אַ קרבן אַפן מזבח פון דער פרייער לעטלענדישער רעפּובליק.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָנגענומענער אין סיים איבערגאַנגס=פאָרמולע וועגן פּענסיע די אינוואַלידן, וואָס דער סיים האָט אָנגענומען אַף זיין זיצונג פון ערשטן יולי ד. י., האָט די רעגירונג אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט, וואָס צעטיילט די אינוואַלידן אין צוויי גרופּעס (אינוואַלידן פון דער לעטלענדישער נאַציאָנאַלער אַרמיי און אינוואַלידן פון וועלט=קריג) מן הסתם ווידער צוליב מאַנגל אין געלט-מיטלען, וואָס לאָזט זיך אַזוי שווער גלויבן, ווייל אַף דער זעלביקער זיצונג האָט דער מיניסטאָרן=קאַבינעט אָנגענומען אַ פּראָיעקט, וואָס קירצט די חובות פון די לאַנדווירטן אַף 7 מיליאָן לאַט. לויט דעם פּראָיעקט באַקומט די ערשטע גרופּע פאָלגנדיקע נאָרמעס: 1=טע קאַט. — 125 לאַט אַ חודש, 2=טע קאַט. — 90 לאַט, 3=טע קאַט. — 60 לאַט, 4=טע קאַט. — 35 לאַט, 5=טע קאַט. 20 לאַט. די צווייטע גרופּע: 1=טע קאַט. — 95 לאַט אַ חודש, 2=טע קאַט. — 65 לאַט, 3=טע קאַט. — 45 לאַט. 4=טע קאַט. — 25 לאַט., 5=טע קאַט. — 15 לאַט. דאָס פאַרטיילן די אינוואַלידן אין 2 גרופּעס איז אויך נישט באַגרינדעט, ווייל צו דער צווייטער גרופּע זיינען צוגערעכנט געוואָרן די אינוואַלידן פון די שיסער=פאָלקן, וועלכע האָבן פאַר דער לעטלענדישער רעפּובליק נישט קלענערע פאַרדינסטן ווי די אינוואַלידן פון דער לעטלענדישער אַרמיי. דעריבער וועט דער לעטלענדישער אינוואַלידן=פאַרבאַנד קאַטעגאָריש פאָדערן מען זאָל די פּענסיעס העכערן אַלע אינוואַלידן אין אַ גלייכער מאָס.

דער פאָרשטייער פון די אינוואַלידן אין סיים דעפּ. עד. דזעלזיט האָט דעריבער איינגערייכט אין סיים פאָלגנדיקע איבערגאַנגס=פאָרמולע: די רעגירונג ווערט באַאויפטראַגט אויסצואַרבעטן אַ געזעץ, כדי מען זאָל קענען אָנהויבנדיק פון ערשטן יולי 1929 העכערן די פּענסיע די קריגס=אינוואַלידן אַזוי. אַז די צווייטע קאַטעגאָריע זאָל באַקומען אַ פּענסיע אין פאַרנעם פון אַ מלוכה=אָנגעשטעלטן פון דער 19=טער קאַטעגאָריע, די 5=טע קאַטעגאָריע ווידער זאָל באַקומען נישט ווייניקער פון 30 לאַט אַ חודש, ד. ה. אַזויפיל, וויפיל עס קריגן איצט די געוו. רוסישע פּענסיאָנערן. די מיטלען דאַרפן גענומען ווערן פונם בודזשעט=רעשט פאַרן יאָר 1928—29 און פון די רעזערוו=מיטלען פון מיניסטאָרן=קאַבינעט און מלוכה.

נישט קוקנדיק אַף דעם, וואָס די איבערגאַנגס=פאָרמולע איז אָנגענומען געוואָרן, האָט מען פונדעסטוועגן די פּענסיע=נאָרמע נישט נאָר נישט געהעכערט, ווי דער סיים האָט באַאויפטראַגט, נאָר, פאַרקערט, אַפן סמך פון 81=טן פּאַר. פ אַ ר ק ל ע נ ע ר ט און נאָכדעם ערשט האָט די רעגירונג אויסגעאַרבעט דעם 2=גרופּן=פּראָיעקט, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין פריער גערעדט.

די אינוואַלידן וועלן אומאונטערבראָכן קעמפן פאַר זייער עקסיסטענץ און רעכטן, וועלכע די איצטיקע קאָאַליציע וויל בא זיי אָפּנעמען אין אָרדנונג פון 81=טן פּאַראַגראַף.

א.-ג. א. ס. מאַיקאַפאַר, ריגע.

די פּאַפּיראָס

„מאַקקאַ", „ריגאַ", „ספּאָרט",

זיינען אַלע מאָל די בעסטע.

72755



דאָס וואַסער האָט זיך געטראָגן. די זון האָט זיך געשפּיגלט אין די פאַליעס, פּונקט ווי די פאַליעס וואָלטן אין זייער גליײַכגילטיקייט געענטפערט:

— מיר האָבן אונזער וועג און איר, משוגענע מענטשן, איר האָט זיך אײַער וועג...

ס'איז ניט געווען קיין בהלה בײַ די מענטשן. ס'איז גיכער געווען אַ פאַרבאָרגענער טרויער, ס'איז ניט געווען קיין גרויסע שרעק, ווײַל מען האָט זיך דעם גיהנום ניט פאָרגעשטעלט, נאָר דער צער פון די מאַמעס איז געווען גרויס...

די מאַמעס האָבן פאָרגעפילט. דאָ און דאָרט האָט מען געכליפּעט. די מאַמעס האָבן געוויינט...

פּלוצלונג האָט זיך דאָס איבערגעריסן. די מאַמעס האָבן אופגעהערט צו וויינען, פּנימער האָבן גענומען שמייכלען, פון קרעמל צו קרעמל איז מען געלאָפן, פון הויז צו הויז איז מען געלאָפן מיט דער בשורה:

נישטאָ קיין מלחמה...

— עס וועט נישט זײַן קיין מלחמה...

— זיי האָבן זיך איבערגעבעטן, דער רוס מיט דעם דײַטש.

איך האָב דאָס דערהערט. איך בין אַרויס אַף דער לובעלסקער גאַס, אַנטקעגן די דריי צלמים, וואָס שטייען אַפן באַרג. אַף דער גאַס, אַפן ברוק ליגן צענדליקער קריסטן און דאַנקען און וויינען פון פרייד:

נימאַ וואָיני! נישטאָ קיין מלחמה...

אַפן מאַרק, אַנטקעגן קאָשציאָל ליגן נאָך קריסטנס און קושן די ערד פון פרייד.

— נימאַ וואָיני. זיי געדאַנקט, דו פאָטער אין הימל...

איך בין צוגעגאַנגען צו די אידן, צו איינעם, צום צווייטן:

— וואָס איז געשען?

— נישטאָ קיין מלחמה, מען האָט אָפּגערופן, מען האָט שוין אָפּגעלאָזט אַלעמען. די יונגן גייען צופוס פון פולאַוו, באַלד וועלן זיי קומען...

אַ שעה צייט האָט עס געדויערט, די זיכערע שמחה.

— האַ! איך האָב דיר געזאָגט, אַז עס וועט גאָרנישט זײַן. וואָס, די מענטשן זײַנען משוגע געוואָרן? מלחמות — דאָס זײַנען פאַר ווילדע מענטשן.

אַזוי האָט זיך איין איד אָפּגערופן צום צווייטן און ער האָט זיך געפילט גוואַלדיק שטאָלץ, וואָס ער האָט געגלויבט אַזוי שטאַרק אין די נישט-ווילדע מענטשן...

זײַן גלויבן האָט אָבער נישט געדויערט מער ווי די שעה. איגיכן האָט זיך אופגעקלערט דאָס טראַגישע מיספאַרשטייעניש...

IV

געשען איז אָט וואָס:

אַפן שאָסיי פון פולאַוו קיין קאַזשמערזש איז געפאָרן פלינק אַ דראָזשקע און אַף דעמזעלבן שאָסיי איז געגאַנגען אַ מחנה מענטשן, פון פולאַוו קיין קאַזשמערש. דאָס זײַנען געווען „בראַקירטע", אַזעלכע, וואָס מען האָט צו דער מלחמה נישט צוגענומען. ווען דער דראָזשקאַרזש האָט זיי אָנגעיאַגט, האָט ער בײַ זיי געפרעגט:

— וואו גייט איר? וואָס הערט זיך? האָבן יענע געענטפערט:

— מיר גייען קיין קאַזשמערזש. מיר זײַנען פריי. נישטאָ קיין מלחמה. מען האָט אונז אָפּגעלאָזט פריי, פריי, נישטאָ קיין מלחמה...

דער דראָזשקאַרזש האָט אָנגענומען פאַר גוט געלט דעם שפּאַס, אַז קיין מלחמה איז נישטאָ. ער האָט אָנגעיאָגט דאָס פערדל געוואָלט וואָס גיכער ברענגען די בשורה קיין קאַזשמערזש...

און ער האָט עס געבראַכט און דערפאַר האָבן זיך מענטשן אַזוי געפרייט און דערפאַר זײַנען די קריסטנס געפאַלן אַף די קני און געקושט די ערד.

ביז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קאַליקעס האָט מען אָפּגעלאָזט און די געזונטע האָט מען צוגענומען... ביז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן די אמתע ווירקלעכקייט...

און מער קיין האָפנונג איז שוין נישט געווען. דער צער האָט זיך אײַנגעבירגערט אין קאַזשמערזש און אין נאָך טויזנטער ישובים.

עס זײַנען אַוועק יאָרן פון גיהנום. זיי האָבן זיך שוין געענדיקט און אָט זיצן מיר, די, וואָס האָבן דאָס איבערגעלעבט, און מיר פרעגן זיך, ווי וואָלט אויסגעזען די וועלט, ווען די מלחמה וואָלט נישט פּראָקלאַמירט געוואָרן?

צו וואָס די היפּאָטעזען? מען מוז וואָס מער דערציילן פון דעם, וואָס עס איז געווען. רעמאַרק מיט זײַן בוך און אַנדערע מיט זייערע ביכער האָבן נאָך ווייניק דערציילט, ס'איז קיין טראָפּן נישט פון בלוטים. די יסורים פון פעלקער, די יסורים פון יחידים מוזן צוגעטראָגן ווערן צו די, וועלכע לעבן און רעגירן:

— זעט!

מען מוז אויסקויפן די וועלט פון אַזאַ גיהנום-נעכטן צוליב דעם בעסערן מאָרגן...

# אַן אַנטי-מלחמה מוזעאום.

אין אַ קליינער הייזעלע אין בערלין, אַף דער פאַראָכיאַל-שטראַסע, געפינט זיך אַ קליינער מוזעאום. דער אַנטי-מלחמה-מוזעאום. שוין אינם פענסטער פונם מוזעאום זײַנען אויסגעשטעלט פאַרשיידענע צײַטונגען און זשורנאַלן, וואו עס ווערט געשריבן קעגן דער מלחמה, און אויך אַנטי-קריג-ביכער, צווישן זיי רעמאַרקס בוך „אַפן מערב-פראָנט איז רואיק". דער גרעסטער טייל פון די יעניקע, וואָס גייען פאַרבײַ די שטילע פאַראָכיאַל-שטראַסע באַגנוגענען זיך אָבער נאָר מיטן אָנקוקן די וויטרינע, אין מוזעאום אָבער גייען זיי ניט אַרײַן. און עס איז באמת אַ שאָד, ווײַל אין דעם דאָזיקן מוזעאום קאָן מען זען אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן, און מען קאָן זיך דאָרטן אַ סך לערנען. יעדנפאַלס, די עטלעכע צענדליק מענטשן, וואָס באַזוכן דעם מוזעאום אין משך פון טאָג, האָבן קיין חרטה ניט, וואָס זיי זײַנען אַהין אַרײַן.

באַלד, ווי מען גייט אַרײַן אין דעם ערשטן צימער פון דעם מוזעאום, זעט מען, ווי אַף די ווענט זײַנען אויסגעהאַנגען עקסטראַ-טעלעגראַמעס פון אַלע בערלינער צײַטונגען פון 1-טן אויגוסט 1914. אין די ביילאַגעס איז אָפּגעדרוקט דער באַפעל פון ווילהעלם וועגן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע. אונטער דעם זײַנען אויסגעהאַנגען שרעקלעכע דאָקומענטן — פאָטאָגראַפיעס, וועלכע שטעלן פאָר אין קריג צוקאַליעטשעטע סאָלדאַטן, גרופּעס-בילדער פון באַזונדערש פאַרשטעלטע און געליטענע. אַ בילד פון אַן אומגליקלעכן אינוואַליד, וועלכער קאָן אַליין מער ניט עסן, און ער מוז זײַן גאַנצן לעבן קינסטלעך געשפּייזט ווערן.

ווען מען גייט ווייטער, זעט מען אַף די ווענט אויסגעהאַנגען דאָקומענטן פון ביטערער איראָניע. איינער באַם אַנדערן, למשל, הייגען דאָרטן, כדי צו פאַרגלײַכן די שפּייז-קאַרטע מיט די טייערסטע עסנס און וויינען פון דעם שטאַב פון מזרח-פראָנט, און אַ קאַרטע פאַר דער באַפעלקערונג אַף צו באַקומען פערדן-פלייש. אונטער גלאָז-וויטרינעס איז אויסגעלייגט די גאַנצע טרויעריקע געשיכטע פון דעם, ווי דער דײַטשער פאָלק האָט זיך געשפּייזט בעתן קריג. דאָרטן זײַנען צוזאַמענגעקליבן ברויט-קאַרטעס און קאַרטאָפל-קאַרטעס פון כלערליי פאַרבן און גרויסן. דערבײַ זײַנען אויך אויסגעהאַנגען די פאַראָרדנונגען פון דעם בערלינער קאַרטנאַמט, אַז די וואָך וועט מען אַרויסגעבן ברויט אַף די קאַרטעס, וואָס אַף זיי איז אָנגעדרוקט דער צייכן, די נייע וואָך — אַף קאַרטעס מיט אַן אַנדער צייכן. ווען מען קוקט אַף דעם איצט און מען דערמאָנט זיך אָן דער שרעקלעכער צייט, באַמעכטיקט יעדן איינעם אַ געפיל פון גרויל און אים קומט עס אויך פאַר קאָמיש.

אָט דאָס זײַנען די הויפּט-עקספּאָנאַטן פון דעם בערלינער אַנטי-מלחמה-מוזעאום. און ווען מען באַקוקט זיי, לעבט ווייטער אויף יענער גרוויליקער פּעריאָד, וועלכער האָט געוואָרפן זײַן שרעק-שאָטן אַף דער גאַנצער וועלט. נאָכן פאַרברענגען אַ האַלבע שעה אין דער קליינינקער הייזעלע, וואָס איז אַזוי ניט ענלעך צו אַלע אַנדערע מוזעאומס, גייט מען אַרויס פון דאָרטן אַן איבערצייגטער אַנטימיליטאַריסט.

———

*דניאל טשאַרני.*

# דער פֿאַלשער אינוואַליד.

I.

ווען יאַנקל האָט זיך אַרומגעזען, אַז צו די קריגס־אינוואַלידן באַציט מען זיך מיט גרויס דרך־ארץ און ליבע — האָט ער באַשלאָסן צו ווערן אַ קריגס־אינוואַליד.

ער איז נישט אַזוי אויסן געווען דעם דרך־ארץ, ווי די ליבע. יאַנקל איז ממש אויסגעגאַנגען נאָך אַביסל ליבע, וואָס וואָלט אים, זיכער, געשטעלט אַף די פֿיס.

שוין אַ יאָר צען, ווי ער האַלט אין איין פֿאַרליבן זיך אין אַלע שענסטע מיידלעך פֿון שטעטל, אָבער קיין איינציקע פֿון זיי נעמט נישט אָן די ליבע זיינע.

ער ווייס, יאַנקל, אַז די הויפּט־סיבה פֿון זיין אומגליק איז די לינקע פֿוס זיינע, וועלכע איז אַף אַ פּאָר ווערשקעס קירצער פֿון דער רעכטער. אַ סברא, אַז ער איז שוין אַזאַ געבוירן געוואָרן! און אָט איז שוין אַ יאָר פֿינף און צוואַנציק, ווי ער הינקט אונטער, דאָך אָבער האָבן שטעטלדיקע מיידלעך נאָך אַלץ נישט געוואָלט מוחל זיין דעם געבוירענעם מום זיינעם און בשום אופֿן נישט געוואָלט מיט אים חתונה האָבן... איז שוין אַ יאָר פֿינף, ווי יאַנקל גייט אַרום מיט אַ ווייסן בילעט אין קעשענע און ער איז אַף אים (דעם ווייסן בילעט) מלא רציחה.

אַזאַ בילעט איז אַן אומגליק אַף אייביקע יאָרן, פֿלעגט יאַנקל אָפּט טראַכטן.

אַזאַ מין בילעט קאָן מען אַפֿילו נישט אויסבייטן אַף אַ כתובה, וואָס איז, אַגב, אויך אַן אייביקער אומגליק, ווי יאַנקלס שוין חתונה־געהאַטע חברים פֿלעגן אים טרייסטן.

אָבער יאַנקלען האָט זיך דאָך שטאַרק געוואָלט חתונה האָבן. ווייל ווען ער האָט חתונה — וואָלטן דענסטמאָל, דוכט זיך אים, אַלע מוידן פֿון שטעטל, וועמען ער האָט אָנגעבאָטן זיין ליבע — געפּלאַצט פֿאַר קנאה און חרטה.

ער וואָלט ס'ווייבל זיינס געגעבן אַזאַ פֿיינעם און גוטן לעבן, אַז זי וואָלט אים מוחל געווען נישט נאָר די קירצערע פֿוס זיינע, די לינקע, נאָר אויך אַפֿילו זיין וועלן שטענדיק אַריבעריאָגן דעם צווייטן.

שוין אַזאַ טבע באַ אים, באַ יאַנקלען, אַריבערצוייאָגן דעם צווייטן און זיין תמיד דער ערשטער, וואו נאָר עפּעס אַ חתונה אָדער גלאַט אַזוי אַ מהומה.

דערפֿאַר, הפּנים, האָט אים שטעטל אַנשטאָט יאַנקל דער הינקענדיקער אַ נאָמען געגעבן — יאַנקל דער שפּרינגער.

וואו צוויי איז ער אַ דריטער, וואו דריי איז ער שוין דער ערשטער.

אַפֿילו אין דער פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע איז יאַנקל געווען דער ערשטער. שטעטל פֿלעגט זיך ווינצלען, אַז יאַנקל שפּרינגער ווייס שוין אַפֿריער, ווען און וואו ס'וועט אויספֿרעכן אַ שרפֿה, אַניט, וואָלט ער דאָך קיינמאָל נישט געקענט זיין דאָרטן דער ערשטער.

יאַנקל האָט שוין אַפֿילו באַקומען פֿון פּריסטאַוו אַזאַ מין בלישטשענדיקע בלעכל „За храбрость", ווייל ער האָט איינמאָל אָפּגעראַטעוועט די זעמסקע שול פֿון אַ שרפֿה.

אַזאַ בלעכל באַקומען בטבע אויסגעדינטע פּאָזשאַרניקעס אָדער מענטשן, וואָס ראַטעווען אַנדערע מענטשן פֿון אַ געפֿאַר.

דאָך אָבער האָט דאָס דאָזיקע בלעכל נישט אַנולירט דעם ווייסן בילעט זיינעם און טאָמער פֿלעגט שוין יאָ קומען אַמאָל אַ שדכן פֿאָרלייגן אים, יאַנקלען אַ שדוך — פֿלעגט די כלה בטבע אַליין אויך זיין אַ קאַליקע אָדער האָבן אַ שם אַזאַ, וואָס בעסער, אַז מ'זאָל זיך מיט איר נישט אָנהויבן.

פֿלעגט יאַנקל זיין גאַנצן אימפּעט און אַלע זיינע נישט געשטילטע ליידנשאַפֿטן און ביינקשאַפֿטן שיינקען זיין פֿעטערס וואַסער־מיל, וואו ער פֿלעגט מיט גרויס התמדה שלעפּן פֿולע זעק מיט קאָרן און זיי שיטן אַף די צעהיצטע מיל־שטיינער.

ער פֿלעגט האָבן אַ ווילדע הנאה, יאַנקל, ווען פֿון אונטער די מילשטיינער פֿלעגט אָנהויבן אַרויסרינען אַ וואַרימער שטראָם מעל, וואָס ער פֿלעגט מיט די הענט זיינע העלפֿן אַריינגליטשן זיך אין די אָנגעהאַנגענע פֿינפֿפּודיקע זעקלעך.

ווען ער שעמט זיך נישט, יאַנקל, וואָלט ער אַזאַ מין וואַרימען זעקל מעל אַרומגעכאַפּט תאוהדיק מיט ביידע הענט זיינע און זיך געקייקלט מיט אים איבער דער פֿיבערדיקער מעל־באַשנייטער פּאָדלאָגע, גלאַט אַזוי פֿון פֿריילעכקייט וועגן.

II.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה האָט יאַנקלען שטאַרק פֿאַרדראָסן, הלמאי ער קאָן „דאָרטן" נישט זיין. די מלחמה, האָט ער זיך געטראַכט, זעט אויס, ווי אַ שרפֿה, אַ גרויסע טומלדיקע שרפֿה און באַ אַ שרפֿה איז ער דאָך תמיד געווען דער ערשטער...

ער וואָלט זיך זיכער אָנגעגעבן פֿאַר אַ פֿרייוויליקן, ווען ער ווייס נאָר, אַז די קאָמיסיע באַקירט אים נישט אויס, נאָר גיי דערצייל זיי, די גוים, אַז זיין מום איז, אייגנטלעך, גאָר קיין מום נישט. צום פּריזיוו איז טאַקע זיין קירצערע פֿוס געווען אַ מום, אָבער צו מלחמה איז דאָס גאָרנישט מיט גאָרנישט...

ער איז געווען זיכער, יאַנקל, אַז ווען מען לאָזט אים נאָר צו צו דער מלחמה — וואָלט ער, געוויס, אַרויסגעטראָגן פֿון דאָרטן אַ קרייץ "За храбрость" פֿונם הייליקן געאָרגי אָדער אַפֿילו — אַ מעדאַל. האָט ער דאָך שיין.

אָבער דער פֿעטער זיינער, דער מילנער, האָט אים געטרייסט, אַז אַרבעטן באַ אים אין דער מיל איז שוין כמעט אַלץ איינס, ווי אַרבעטן פֿאַר דער מלחמה, ווייל דעם ברויט, וואָס ער מאַכט שטעלט ער דאָך צו דער אַרמיי און אָן זיין ברויט וואָלט די אַרמיי קיין אַרמיי נישט געווען.

מאַכט זיך אָבער, אַז אין שטעטל קערט זיך אום איינער אַ סאָלדאַט אַ אידישער, וואָס איז „דאָרטן" פֿאַרוואונדעט געוואָרן, שטאַרק פֿאַרוואונדעט געוואָרן און באַקומען דעם טיטל: „קריגס־אינוואַליד".

צוליב דעמדאָזיקן קריגס־אינוואַליד איז שטעטל געגאַנגען כאָדאָראָם. ער איז געוואָרן דער העלד פֿון טאָג. זיינע דערציילונגען פֿון די פּאָזיציעס פֿון די פֿראָנטן, פֿון די לאַזאַרעטן און טעפּלושקעס האָבן פֿאַרכאַפּט קליין און גרויס. עפּעס איז ער אויסגעוואַקסן, דער קריגס־אינוואַליד, מיט אַ קאָפּ העכער פֿון אַלע אַנדערע מענטשן און געוואוסט פֿון זאַכן אַזעלכע, וואָס נישט דער פּריסטאַוו און נישט דער זעמסקי אַפֿילו האָבן געקענט וויסן.

עפּעס האָט זיך אַלעמען אין שטעטל געדוכט, אַז ווען אָט דער אינוואַליד, וואָס פֿאַר דער מלחמה איז ער געווען נישט מער, ווי אַ שטעפּער און קיינער האָט זיך אַף אים נישט אומגעקוקט, אַז ווען אָט דער שטעפּער גיט פֿון זיך אַ געשריי אויס דאָס אַלץ, וואָס ער ווייס און וואָס ער טאָר קאָנטיק נישט דערציילן—וואָלט די מלחמה געוואָרן אויס מלחמה און די וועלט אויס וועלט.

אָבער יאַנקלעוויטש דער שטעפּער פֿלעגט אָט דעם געשריי פֿון זיך נישט אַרויסלאָזן, כאָטש „יאַנקל שפּרינגער" פֿלעגט נישט איינמאָל צושטיין צו אים, דעם אינוואַליד, ער זאָל אויסדערציילן אַלץ. אָבער גאָר אַלץ פֿון סאַמע אָנהויב און ביזן סוף, כּדי מ'זאָל איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל וויסן וואָס „דאָרטן" טוט זיך.

איז אַבער דעם אינוואַליד דערעסן געוואָרן דער צושטיין, וואָס מען שטייט צו אים צו און פֿאַר גרויס כעס אַף די נייגעריקע ישובניקעס, וואָס לאָזן אים נישט צורו, צי אפֿשר פֿאַר גרויס בייִנקשאַפֿט, וואָס ער קאָן שוין מער נישט אומקערן זיך „אַהינצוצו" — נעמט ער, דער אינוואַליד, און האָט חתונה מיט אַ פֿאַראָרימטער באַלעבאַטישער מיידל, מיט איינער פֿון יענע, אין וועלכער יאַנקל איז פֿון תמיד אָן געווען פֿאַרליבט, אָבער יאַנקלען האָט זי בשום אופֿן נישט געוואָלט צוליב דעם מום זיינעם, בעת אים, דעם קריגס־אינוואַליד האָט זי יע געוואָלט, ווייל אַ קריגס־אינוואַליד, האָט זי גערעכנט, איז דאָך נישט קיין קאַליקע, איז דאָך נישט אַ „יאַנקל דער שפּרינגער"...

72756



III.

דעם אינוואלידס חתונה האָבן מיט יאַנקלס ערשטער „געליבטער" האָט יאַנקלען גאָר אינגאַנצן אַרויסגעבראַכט פון די כּלים און ער האָט באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל ווערן אויך אַ קריגס־אינוואליד.

ער דאַרף נאָר צוליב דעם אַריבערפאָרן אין אַן אַנדער שטעטל, אין אַ שטעטל, וואו מען קען אים נישט, און אָנהויבן דאָרטן דערציילן די אַלע מעשׂיות און איבערלעבונגען, וואָס ער, יאַנקל, האָט זיך אָנגעהערט פון יאַנקעלעוויטש דעם שטעפּער.

און אַז ער, יאַנקל, וועט שוין האָבן אויסדערציילט דאָרטן אַלע זיינע מעשׂיות און איבערלעבונגען פון די פּאָזיציעס, פון די פראָנטן, די טעפּלושקעס און לאַזאַרעטן — וועט געוויס איינע אַ פּאַראָרימטע באַלעבאַטישע טאָכטער פאַרגלוסטן מיט אים חתונה האָבן און דענסטמאָל, אָ, דענסטמאָל ברייננט ער אַרונטער זיין יונג ווייבעלע צו זיך אַהיים און אַלע שטעטלדיקע מוידן, וועמען ער האָט נישט איינמאָל אָנגעבאָטן זיין ליבע — וועלן צעפּלאַצט ווערן פאַר קנאה, אפילו אָט די, וואָס האָט חתונה געהאַט מיטן אינוואליד, מיט יאַנקעלעוויטש דעם שטעפּער — וועט אויך מקנא זיין ס׳ווייבל זיינס. ווייל וויפיל, מ׳שטיינס געזאָגט, קאָן עס איצטער אַ שטעפּער פאַרדינען, ווען אַלע געזונטע מאַנסבילן זיינען אַף די פראָנטן און אַ שטיקל לעדער איז מיט גאָלד צוגלייך.

ברויט אָבער איז שטענדיק אַ גאַנגבאַרע סחורה, סיי דאָ, סיי דאָרטן און דעם פעטערס מיל וועט תמיד האָבן גענוג וואַסער און קאָרן אַף צו דרייען זיך..

אַזוי האָט יאַנקל געטראַכט און אַזוי טאַקע אויך געטאָן. דער פעטער זיינער, דער מילנער, וואָס האָט געוואָלט יאַנקלען טאָן אַ טובה האָט אים געגעבן אַ בריוו צו איינעם אַ מילנער אין אַן אַנדער שטעטל, וואָס יאַנקלס פעטער איז געווען מיט אים אַן אַלטער פריינט און אין בריוו געשריבן צו אים, אַז אַזוי ווי דער פּלימעניק זיינער, יאַנקל, איז, נעבעך, אַן אינוואליד (אַ קריגס־אינוואליד, פאַרשטייט זיך) און אַז אַזוי ווי ער, דער פּלימעניק זיינער, איז אַ גוטער מילנער — וואָלט ער אים געראַטן, דעם פריינט זיינעם, צו נעמען אים, יאַנקלען, אַף אַ שטעלע און אים בכלל מכבּד אורח זיין, ווי ס׳פּאַסט זיך היינטיקע ציטן פאַר אַזאַ איינעם, וואָס איז, נעבעך, אַ געליטענער.

ער וואָלט אים, יאַנקלען, שרייבט דער פעטער יאַנקלס צו דעם פריינט זיינעם דעם מילנער, גענומען צו זיך אַף דער מיל. אָבער אַזוי ווי, שרייבט ער, די מיל זיינע אַרבעט פאַר אינטענדאַנטסטווע, וואָס גיט לגאָטעס צו די יעניקע, וועלכע נויטיקן זיך, נעבעך, אין אַזעלכע לגאָטעס — איז צו וואָס, הייסט עס, פאַרנעמען אַ פּלאַץ מיט אַזאַ איינעם (כאָטש אפילו אַ פּלימעניק), וואָס וועט שוין סיי ווי אין דער מלחמה נישט דאַרפן גיין, לכן, זאָל ער, דער פריינט זיינער, נעמען דעם פּלימעניק צו זיך אין מיל אַריין און ער וועט שוין בּאַ אַ געלעגנהייט מיט עפּעס אָפּדאַנקען.

איז יאַנקל מיט אָט דעם בריוו דעם פעטערס אַוועקגעפאָרן אין יענעם שטעטל אַריין צו יענעם מילנער, וואָס האָט געהאַט אַ מילכל אַ קליינס און אַ טאָכטער אַ גרויסע, אַ טאָכטער, וואָס האָט שוין נויטיק באַדאַ־פּט חתונה האָבן.

האָט יאַנקל נושׂא חן געווען סיי בּאַ דעם מילנער, סיי בּאַ דער טאָכטער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געחלומט צו ווערן אַ באַרמהערציקע שוועסטער און אָנהויבן טאָן גוטס דער מענטשהייט.

האָט איר גאָט אַליין, הייסט עס, צוגעשיקט אַן אינוואליד אַזאַ, וואָס נויטיקט זיך געוויס אין איר ליבע און גוטסקייט און נישט נאָר איר אַליין, נאָר גאַנץ שטעטל האָט גאָט צוגעשיקט אַ מענטשן אַזאַ, וואָס האָט שיעור נישט פאַרלאָרן אַ פוס „פאַרן צאַר און פאָטערלאַנד" און די אַלע מעשׂיות, וואָס יאַנקל האָט זיך געווען אָנגעהערט פון יאַנקעלעוויטש דעם שטעפּער וועגן פראָנטן, פּאָזיציעס, טעפּלושקעס און לאַזאַרעטן — האָט ער מיט גרויסער גענויאיקייט און התלהבות גענומען איבערדערציילן פאַר שטעטלדיקע ליידיקגייער און גלאַט אַזוי מענטשן, וואָס ער זעט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן און אַלע האָבן אַף אים רחמנות געהאַט און אַלע האָבן אים געטרייסט, אַז ער האָט נאָך גוט אָפּגעשפּילט. — וואָס, אַן ערך, וואָלט ער געטאָן, ווען ס׳רייסט אים, חלילה, אָפּ גאָר אינגאַנצן די פוס?

אָדער, וואָס אַן ערך וואָלט ער געטאָן, ווען ער געפינט נישט קיין אַרבעט און מוז, נעבעך, אַרומשלעפּן זיך איבער די הייזער?

און נאָך און נאָך טרייסטונגען אַזעלכע ביז יאַנקלען אַליין האָט זיך שוין אָנגעהויבן דוכטן, אַז ער איז טאַקע געווען אַף דער מלחמה, אַז ער האָט טאַקע דורכגעמאַכט דאָס אַלץ, וואָס זיין בן עיר, יאַנקעלעוויטש דער שטעפּער האָט דורכגעמאַכט און אַז דאָס בּלעכל זיינס „זאַ כראַבראָסט" האָט ער גאָר ניט באַקומען פון דעם פּריסטאַוו, וואָס אין זיין שטעטל, נאָר פונם גענעראַל אַליין, פון יענעם גענעראַל, וואָס האָט רייטנדיק אַפן ווייסן פערד דערזען, ווי ער, יאַנקל, איז נעבעך אַניִדערגעפאַלן אַפן פעלד פון שונאס אַ קויל און גלייך באַפוילן, אַז מען זאָל אים, יאַנקלען, אַרויסגעבן אָט דעם מעדאַל „זאַ כראַבראָסט" און אַוועקשיקן אים אַהיים.

אָט אַזוי האָט זיך שוין געדוכט יאַנקלען...

און דעם מילנערס טאָכטער, וואָס האָט געחלומט צו ווערן אַ באַרמהערציקע שוועסטער און אָנהויבן טאָן גוטסקייט דער פאַרוואונדעטער מענטשהייט, אויך אָט דער באַרמהערציקער אידישער טאָכטער האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז יאַנקל איז פאַר איר ווי אָנגעבוירן, ווייל געזונט איז ער, אַ פּרנסה אין האַנט האָט ער אויך, אַ, וואָס ער האָט זיך אומגעקערט פון דער מלחמה מיט, נעבעך, אַ קירצערער פוס אַ לינקער, איז עס דאָך אַ שטאָלץ פאַר אים און איר, ווייל זיין אַ קריגס־אינוואליד איז היינטיקע ציטן דאָס זעלבע, ווי זיין, למשל, אַן אָפּיצער צו אַ פּריסטאַוו, עס שמעקט מיט קאַזנאַ און מען איז אַ יחסן אַף אייביקע יאָרן.

האָט שוין דעם מילנערס טאָכטער אויפגעגעבן איר פאַנטאַזיע צו פאָרן אין דער שטאָט אַריין זיך אויסלערנען אַף אַ „שוועסטער" און זיך אָנגעהויבן באַגנוגענען מיט דער באַרמהערציקער אַרבעט, וואָס זי האָט שוין ביי זיך אין דער היים אַרום יאַנקלען גופא.

אייגנטלעך האָט זי קיין באַזונדער אַרבעט אַרום יאַנקעלען נישט געהאַט. די פוס זיינע, די „פאַרוואונדעטע", פלעגט ער, יאַנקל, שוין אַליין איבערבינדן, כאָטש זי, די באַרמהערציקע, האָט נישט איינמאָל אים פאָרגעלייגט איר הילף.

דערפאַר אָבער פלעגט זי יאַנקלען קעכלען מיט געשמאַקע מיטיקן און וועטשערעס און אין די שפּעטע אָוונטן — אויך אפילו מיט צערטלעכקייטן.

אָט די צערטלעכקייטן האָבן יאַנקלען אַזוי דערנומען, אַז אים פלעגט זיך נישט איינמאָל פאַרגלוסטן געבן זי אַ כאַפּ אַריין ווי אַ וואָרימען פינפפודיקן זעקל מעל אין זיינע שטייפע אָרעמס און זיך אָנהויבן מיט איר אַרומקייקלען איבער דער פאָדלאָגע פון איר טאַטנס הויז גלאַט אַזוי פון פרייעלעכקייט וועגן.

IV.

דעם מילנערס טאָכטער יענטע, וואָס איז שטאָלץ געווען מיט יאַנקל דעם אינוואליד (אַזוי האָט דאָ איצטער געהייסן אונזער יאַנקל שפּרינגער) פלעגט פון צייט צו צייט זיך דורכשפּאַצירן מיט אים, יאַנקלען, דורך די שטעטלדיקע גאַסן, כּדי די מוידן פון שטעטל זאָלן זי מקנא זיין. זי האָט געוואוסט, יענטע, אַז אַלע מוידן פון שטעטל פּגרן אַוועק נאָך אַ מאַנספּאַרשוין, נאָר וואו זאָל מען אים נעמען דעם מאַנספּאַרשוין, ווען אין שטעטל זיינען פאַרבליבן נישט מער, ווי די זקנים און קאַליקעס.

מער נישט איר איינער, יענטען, האָט גאָט צוגעשיקט אַ מאַנספּאַרשוין, וואָס איז נאָך דערצו אַ קריגס־אינוואליד און, ווען ער, יאַנקל, זאָל אפילו גאָר אינגאַנצן נישט געווען האָבן די לינקע פוס זיינע — וואָלט זי אים דען נישט ליב באַקומען?

מ׳זאָגט, אַז די קייסערינע אַליין פאָרט אַרום איבער אַלע לאַזאַרעטן און קושט זיך מיט די קריגס־אינוואלידן. עפּעס אַ קלייניקייט — אַ קריגס־אינוואליד!

בפרט נאָך איר יאַנקל, וואָס האָט באַקומען אפילו אַ מעדאַל

אזא „זא כראבראסט" און יענטע פלעגט תמיד צושטיין צו אים, יאנקלען, ער זאל נישט אנדערש, ווי אנהענגען אט דעם מעדאל זיינעם אפן מאנטל און זאלן טאקע מענטשן זען, הלמאי ער, יאנקל, הינקט, נעבעך, אונטער, ווען ער גייט מיט איר שפאצירן דורך די שטעטלדיקע גאסן.

יאנקל פלעגט עס מאכן נישט גערן, ווייל אים פלעגט זיך דוכטן, אז ווי נאר ער הענגט אויס אף דרויסן דאס בלעכל זיינס, וואס ער האט באקומען אמאל פון זייער פריסטאוו—וועלן דאך אלע דערזען, אז ער איז נישט מער, ווי א פאזשארניק...

דאך אבער פלעגט ער יענטען צוליב אנהענגען דאס בלעכל, ווען ער פלעגט גיין מיט איר שפאצירן און זיך טרייסטן דערמיט, וואס דאס שטעטל איז פול מיט יאלדן און שלים מזלם און, ווער, אן ערך, וועט עס דא קאנען אנווייזן, אז ער איז נישט יאנקל אינוואליד, נאר יאנקל שפרינגער...

אזוי האט ער זיך געטרייסט, יאנקל, און שטילערהייט אונטערגעטריבן דעם מילנער און אויך יענטען, אז ס'איז שוין צייט חתונה צו האבן.

יענטע האט שוין גענומען אפילו איבערשלאגן די ירושה—קישנס— ס'זאל איר מיט יאנקלען ווייכער זיין צו שלאפן נאך דער חתונה און דער מילנער האט שוין געהאט בדעה צו שיקן חתן-כלה אין שטאט אריין נאך חתונה-קליידער.

יאנקל אליין האט שטילערהייט אויך געבעטן גאט, אז די מלחמה זאל זיך נאך ציען יארן און יארן, ווייל וואס לייגער ס'וועט דויערן די מלחמה — אלץ מער אינוואלידן וועט צוקומען און דענסטמאל וועט ער נאך מער יחסן.

אז די גאנצע וועלט וועט אנהויבן גיין אף קוליעס — וועט דאך שוין דענסטמאל יאנקל זיין א העלד קעגן זיי (די קריגס-אינוואלידן)— פלעגט זיך יאנקל טראכטן און טראכטנדיק אזוי נאך מער ליב באקומען די יעטען זיינער, וואס פלעגט אים געבן נישט נאר גוטע מיטיקן און געשמאקע וועטשערעס, נאר אויך א סך זייער א סך צערטלעכקייטן וווייבערשע.

חוץ דעם איז נאך געווען א סברא, אז ער, יאנקל, זאל ווערן א שותף צו דער מיל און נאך די הונדערט מיט צוואנציק יאר (וויפיל, אן ערך, קאן דאס לעבן א שווער!) ווערט ער גאר אינגאנצן באלעבאס פון דער מיל און פון דער שטוב און דענסטמאל, א, דענסטמאל פירט ער איין, יאנקל, א ריכטיקע פאזשארנע קאמאנדע טאקע בא זיך אפן הויף און ער ווערט נאטשאלניק...

און ווער ווייס, וואס נאך יאנקל שפרינגער וואלט אויסגעפאנטאזירט וועגן זיך, וועגן יענטן און וועגן דער וועלט בכלל, ווען ס'קומט נישט אן פלוצים די מאביליזאציע פון ווייסע בילעטן.

ווער, אן ערך, זאל זיך דאס ריכטן, אז מ'זאל אויך די ווייסע בילעטניקעס נעמען אפן צימבל? אף אזא אומגליק האט זיך יאנקל גאר אינגאנצן נישט געריכט.

הייסט עס, אז ער מוז זיך גיין שטעלן צו דער קאמיסיע, הייסט עס, אז ער דארף ווערן אויס קריגס-אינוואליד און שטעלן זיך ווידער אמאל צים פריזיוו.

ווי קומט דען צו א קריגס-אינוואליד שטעלן זיך נאך אמאל צום פריזיוו?

אמת. ער קען, יאנקל, גאר אינגאנצן זיך מאכן תמעוואטע און נישט שטעלן זיך צום פריזיוו. ווער, אן ערך, קאן אים דא און ווייס אים דא. ער קען, הייסט עס, ווערן א נעלם און אזוי פאוואליע אפשר גאר אינגאנצן אויסדרייען זיך פון דער מאביליזאציע, אבער צוריק גערעדט, וואס ריזיקירט ער, ווען ער פארט צו בגנבה צו דער קאמיסיע, גיט זיך א שטעל אוועק און ווערט פטור. מ'וועט דאך אים סיי ווי נישט נעמען פאר א סאלדאט איז וואס ציטערט ער אזוי?

נעמט ער, יאנקל, און טראכט אויס א מעשה, אז ער מוז אומבאדינגט צופארן צו דעם פעטער זיינעם, דעם מילנער, וואס ארבעט פאר אינטענדאנטסטווע, ער מוז דאך אים, דעם פעטער זיינעם, אויסדערציילן וועגן דעם גרויסן גליק, וואס איז אים באשערט און וועגן דער חתונה, וואס ער גייט חתונה האבן מיט יעטען און וועגן נאך און נאך זייער ווייבטיקע משפחה-ענינים און אפדערציילנדיק די אלע מעשיות זיינע — נעמט ער און גיט א פאר אוועק מיט זיין ווייסן בילעט צו דער קאמיסיע, וואס אין זיין גובערניע, זייענדיק זיכער, אז באלד נאכדעם קערט ער זיך אום בשלום צוריק צו זיין יענטן און האט טאקע מיט מזל חתונה.

לאזט זיך אבער אויס, אז דאס, וואס פאר דער קאמיסיע איז געווען א מום מיט א יאר זיבן—אכט צוריק איז שוין איצטער, מלחמה-צייט, גאר קיין מום נישט.

דאס הייסט נישט, פארשטייט זיך, אז יאנקלס לינקע פוס איז פאר אט דער צייט זינט ער איז געווארן א קריגס-אינוואליד צוגעוואקסן אף די פאר ווערשקעס און זיך אויסגעגליכן מיט דער רעכטער.

דאס הייסט נאר, אז איצטער, מלחמה-צייט, זיינען שוין געווארן בא אידן צופיל קאליקעס. אזוי האט בפירוש געזאגט דער דאקטער פון דער קאמיסיע.

— ווי נאר א מאביליזאציע — זיינען אלע אידן קאליקעס! — האט דער דאקטאר ווי אויסגעמוסרט יאנקלען, וואס האט דאך נישט אופגעהערט אונטערצוהינקען אף דער לינקער פוס זיינער.

— „נא איספיטאניע" און מארש! ד. ה. ער זאל גיין, יאנקל, אין לאזארעט אריין און דארטן וועט מען שוין זען, צי ס'איז א פוס א געבוירענע אדער א געמאכטע...

אף אזא אומגליק האט זיך שוין יאנקל גאר אינגאנצן נישט געריכט לאזארעט. ווי לאזארעט. אבער יענטע, וואס וועט יענטע זאגן. ווען זי דערוויסט זיך, אז מ'האט אים, יאנקלען, צוגענומען פאר א סאלדאט, בעת ער, יאנקל, איז א קריגס-אינוואליד, וועמען דער גענעראל אפן ווייסן פערד האט „זא כראבראסט" אפגעשיקט אף אייביקע יארן אהיים...

און „יאנקל אינוואליד" איז ווידער אמאל געווארן „יאנקל שפרינגער", וואו צוויי איז ער געווארן א דריטער און וואו דריי — איז ער געווען דער ערשטער.

אויסמישנדיק זיך מיט דער גרויער מאסע אפגעגעבענע ווייסעבילעטניקעס—האט ער אלץ געוואלט דערגיין דעם סוד אף וואס, אן ערך, דארף דאס די מלחמה האבן אזעלכע וויסטע קאליקעס?

און ער איז טאקע דערגאנגען, יאנקל, אז די מלחמה, אייגנטלעך, דארף זיי טאקע, די קאליקעס, נישט האבן, אבער די קאמיסיעס, מוזן זיי נויטיק האבן. ווייל דורך זיי, די קאליקעס, דעקן די קאמיסיעס יענע געזונטע, וועלכע זיי באפרייען פאר א סך גאר א סך שוחד...

ערשט אין א פאר חדשים ארום האט מען אין לאזארעט פעסטגעשטעלט, אז יאנקלס לינקע פוס איז נישט קיין געמאכטע, נאר טאקע א געבוירענע און וויבאלד אזוי — באקומט ער צוריק זיין ווייסן בילעט.

אבער אויך היינטיקן מאל האט יאנקל זיך ווינציק וואס דערפרייט מיט זיין ווייסן בילעט, ווייל ליגנדיק שוין אין לאזארעט האט ער באקומען פון יעטען זיינער א בריוו אזא וואס בעסער וואלט געווען, ווען ער, יאנקל, באקומט נישט אזא מין בריוו פון יעטען.

„גוטע פריינט" האבן איר, יעטען, אונטערגעטראגן די גאנצע מעשה מיט יאנקלען — האט יעטע נאכדעם, ווי זי האט זיך געשמאק געהאט אויסגעוויינט אין די נישט לאנג איבערגעשלאגענע קישנס — האט זי אים, יאנקלען, אין לאזארעט אריינגעשיקט א בריוו אין וועלכן זי האט אים געשריבן, אז ווען ער וואלט טאקע געווען אן אמתער קריגס-אינוואליד וואלט איר א האר נישט געארט, ווען ער האט גאר אינגאנצן נישט די לינקע פוס זיינע, אבער וויבאלד ער איז א פשוטער בעל מום, ווייל זי אפילו זיין נאמען מער נישט הערן און ער האט נישט מער, וואס צו קומען צו איר.

זי איז שוין אזוי אויך געווארן, שרייבט זי, צו שאנד און צו שפאט אינם גאנצן שטעטל. מען רופט זי איצטער נישט אנדערש, ווי „זא כראבראסט" איז אז אך און וויי טאקע צו אזא „כראבראסט", וואס זי האט זיך דערלעבט.

אט דעם דאזיקן בריוו יעטעס האט יאנקל צוזאמענגעלייגט מיט דעם נייעם ווייסן בילעט זיינעם און זיך אומגעקערט א פארביטערטער און דערשלאגענער צו זיין פעטער אין דער אלטער היים זיינער, שילטנדיק מיט ביטערע קללות די מלחמה, וואס האט נישט געקענט אפילו אים, יאנקלען, פארוואנדלען אין א קריגס-אינוואליד און אים מאכן צו לייטן גלייך...

אזוי ארום איז „יאנקל אינוואליד" ווידעראמאל געווארן „יאנקל שפרינגער".




**פאַרוואַלטונג און רעווידיר־קאָמיסיע פון „באַלטישן אידישן קריג ס־אינוואַלידן־פאַריין".**

פון רעכטס אף לינקס: מ. לוריע, י. לעווין, י. בערגעלמאַן, מ. העלמאַן, ה. וואולפסאָן, דר. י. וואָלפע, ש. שפונגין, ג. לעווי, ר. ראָזענשטיין א. יאַקובאָוויטש און ב. פורמאַן.

*ק. יקטן.*

# די לאַגע פון די איד. אינוואלידן אין עסטלאַנד.

אַנטשפּרעכנד דעם גאַנץ קליינעם צאָל פון דער אידישער באַפעלקערונג אין עסטלאַנד איז אויך די צאָל פון די אידישע אינוואַלידן אין עסטלאַנד ניט קיין גרויסע. אַף וויפיל מען קען רעכענען, געפינען זיך אין עסטלאַנד אַרום 15 אידישע אינוואַלידן, וועלכע לעבן צעשפּרייט אין פאַרשיידענע שטעט פון עסטלאַנד. צוליב זייער קליינער צאָל און פאנאנדערגעוואָרפנקייט איז זייער באַשווערט יעדער פּרואוו דורכצופירן וועלכע עס איז אָרגאַניזיר-אַרבעט צווישן די היגע אידישע אינוואַלידן. וואָס איז שייך דער עקאָנאָמישער און רעכטלעך־סאָציאַלער לעבנס־פאַרזיכערטקייט פון דעם אידישן אינוואַליד, איז זי, אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע פון ניט־אידישן אינ אַליד, אַן אויסעראָרדנטלעך אומגינסטיקע און נישט באַפרידיקנדיקע. צוליב די ספּעציפישע באַדינגונגען, אין וועלכע דער איד. אינוואַליד איז באַ אונז אַוועקגעשטעלט, איז ער אינגאַנצן הילפלאָז, מאַטעריעל אַבסאָלוט אומבאַוואָרנט און רעכטלעך מיט קיין זאַך ניט געזיכערט (מיר לאָזן דאָ חוץ באַטראַכט איינצלנע פּערזאָנען פון די היגע אידישע אינוואַלידן, וועלכע האָט זיך דורך ריין־פּערזענלעכע, גליקלעכע סיבות, ווי עס איז איינגעגעבן צו באַוואָרענען זיך אַף דערווייל). אַ געוויסער טייל פון די היגע אידישע אינוואַלידן זיינען געווען אָנטיילנעמער אין דער וועלט־מלחמה און האָבן פאַרלאָרן זייערע פּאַפּירן, אַ טייל פון זיי זיינען נאַנסעניסטן אָדער סאָלדאַטן פון דער געוועזענער צפון־מערב אַרמיי (וועלכע האָט געקעמפט אַף דער טעריטאָריע און באַ די גרענעצן פון עסטלאַנד).

די דאָזיקע קאַטעגאָריעס פון אינוואַלידן באַקומען קיין שום פּענסיע און אונטערשטיצונג מצד דער מלוכה און די אידישע אינוואַלידן, וועלכע געהערן אין זייער רוב צו די אויבנדערמאָנטע קאַטעגאָריעס זיינען אינגאַנצן איבערגעלאָזן מיט זייער צעקאַליעטשעטן געזונט, פיזישע און גייסטיקע ליידן, אפן הוילן ווילקיר פון שיקזאַל. ליידער מוז דאָ קאָנסטאַטירט ווערן, אַז מצד דער היגער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט איז אַבסאָלוט גאָרנישט געטאָן געוואָרן, כּדי ווי עס איז צו אָרדנען די פראַגע פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג פאַר די היגע אידישע אינוואַלידן. עס וואָלט געווען אַ גרויסער יושר, אַז די היגע אידישע געזעלשאַפט זאָל ענדערן איר ביזאיצטיקע, העכסט פּאַסיווע, קאַלטע באַציאונג צו דער דאָזיקער פראַגע און זאָל אַף א גערעכטן אופן רעגולירן די סאָציאַלע פאַרזיכערונג פון די היגע אידישע אינוואַלידן, בפרט נאָך, אַז דאָס וואָלט ניט געפאָדערט קיין זייער גרויסע הוצאות, נעמענדיק אין אַכט דעם קליינעם צאָל פון די היגע אידישע אינוואַלידן. אויב עס ויעט, ווי מיר ווילן האָפן, ווען עס איז דאָך פאָרקומען אַן איבערברוך אין פּאָזיטיוון זין אין דער באַציאונג פון דער היגער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט צו דער פראַגע פון דער אינוואַלידן־פאַרזיכערונג, וואָלט געווען זייער כּדאַי אויסצומיידן די געוויינלעכע פילאַנטראָפישע און צדקה־מעטאָדן באַ דער רעגולירונג פון דעם דאָזיקן ענין. בשום אופן קען ניט באַטראַכט ווערן די אינוואַלידן־פאַרזיכערונג אַלס אַ צדקה־אַקט. דאָס איז אַן אָבליגאַטאָרישער חוב פון דער געזעלשאַפט, וואָס מוז דערפילט ווערן אַף אַ געהעריקן וועג און אין פּאַסנדע ראַמען; צדקה־מעטאָדן ווירקן דעמאָראַליזירנדיק, זיי דערנידערן, און פאַר די

אידישע אינוואַלידן זיינען זיי אַבסאָלוט ניט אָננעמבאַר. אלס די ערשטע אויפגאַבע פון דער אינוואַלידן-פאַרזאָרגונג וואָלט געדאַרפט זיין צו פאַרזיכערן יעדן אידישן אינוואַליד, וואָס קען ניט צוליב וועלכע עס איז סיבות באַקומען פענסיע פון דער מלוכה, מיט אַ געוויסער פענסיע, אָפּהייניגיק פון דעם פּראָצענט פון זיין אינוואַלידיטעט. און דאָס דאַרף דורכגעפירט ווערן אויסשליסלעך אַפן וועג פון געזעלשאַפטלעכער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג. עס וואָלט אויך געווען ווינטשנסווערט, אַז דער באַלטישער אידישער קריגס-אינוואַלידן-פאַראיין, צו וועלכן עס געהערן אויך די אידישע אינוואַלידן פון עסטלאַנד, זאָל פון זיין זייט אָננעמען די נויטיקע שריט צו פאַראינטערעסירן די היגע אידישע געזעלשאַפט מיט דער אינוואַלידן-פראַגע. באַ אַ געוויסער ענערגיע און געהעריקער איניציאַטיוו וואָלט מען דאָ געקענט דורכפירן וועלכע עס איז הילפס-אַקציעס לטובת די אידישע אינוואַלידן.

די דאָזיקע הילף איז פון גרויסער וויכטיקייט, ווייל אין דער סאַמע ערגסטער לאַגע געפינען זיך די אינוואַלידן פון דער געוועזענער רוסישער צפון-מערב ארמיי (ווייסע אַרמיי), צו וועלכע עס געהערן ס׳רוב אידישע אינוואַלידן, וועלכע באַקומען פון ערגעץ ניט קיין פענסיע אָדער שטיצע. פאַר די רוסן-אינוואַלידן, אָנטיילנעמער פון דער דערמאָנטער אַרמיי, זאָרגט נאָך מער-ווייניק דער „רוסישער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט פאַר אינוואַלידן-הילף" און דער „רוסישער מלחמה אינוואַלידן-פאַרבאַנד". פאַר די אידישע אינוואַלידן איז אָבער לחלוטין ניטאָ ווער עס זאָל זאָרגן און דעריבער איז זייער לאַגע אויסעראָרדנטלעך אומבאַוואָרנט און אומפאַרזיכערט הן פאַר דער קעגנוואַרט, הן פאַר דער צוקונפט.

In grösster Auswahl
und bester Qualität:
KAKAO
SCHOKOLADE
KONFEKT
KONSERVEN
Globstar
Akt.-Ges.
L. W. Goegginger
Magazin:
Riga, Kalkstr. 18
Kr. Barona Str. 24/26
Marstall-Str. 7
Libau, Korn-Str. 42

# די אידישע אינוואַלידן אין ליטע.

*(אַ בריוו פון ליטע).*

*מ. וואַלק.*

אַ דאַנק דער גרויסער געאָגראַפישער צעשפּליטערונג פון ליטע און צעוואָרפנקייט פון דעם אידישן קיבוץ איבער די ליטווישע שטעטלעך און דערפלעך, איז נישט מעגלעך צו געבן אַ גענויען בילד פון די אידישע אינוואַלידן אין ליטע. (וואָס זיינען אגב פאַראַן אין ליטע אין אַ גאַנץ גרויסער צאָל) אף וויפיל מיר, אלס איינעם פון די איניציאַטאָרן צו אָרגאַניזירן די אידישע אינוואַלידן אין ליטע, האָט זיך איינגעגעבן פעסטצושטעלן, איז די לאַגע זייער אַ טרויעריקע. עס זיינען פאַראַן שיינע עטלעכע הונדערט אינוואַלידן, פון וועלכע אַ גרויסע צאָל זיינען אָן פיס און הענט. אַ סך פון זיי נויטיקן זיך אין ארטאָפּעדישע, מעדיצינישע און סאַנאַטאָרישע הילף. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן אין ליטע איז בכלל זייער אַ שווערע, און בפרט נאָך פאַר מענטשן קאַליקעס, באַ וועלכע די מלחמה האָט צוגענומען די מעגלעכקייט זיך פאַרנעמען מיט אַלערהאַנט אַרבעט. און דער אידישער אינוואַליד, וואָס האָט נאָך די מעגלעכקייט זיך אַרומצושלעפּן, מוז זיך צופּאַסן אין דער אַרבעט צו זיין צעקאַלעטשעטן קערפּער און אַלס פועל-יוצא דערפון — איז דער שרעקלעכער עקאָנאָמישער מצב זייערער.

די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט זאָרגט פאַר אונז אַבסאָלוט נישט. אינוואַלידן פון דער רוסישער אַרמיי? וועמען אינטערעסירן זיי? דאָס בלוטיקע בלעטל אין דער געשיכטע איז שוין פאַרשריבן געוואָרן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה און דעריבער גייט זיך אייך, איר, אַנדיינקן פון געוועזענעם אומגליק, איבער די הייזער און שנאָרעט. דאָס איז די הילף און דער טרייסט-וואָרט פאַר אונז.

די ווענדונג צו דער אידישער געזעלשאַפט אין ליטע, וואָס איז געווען אין דעם „אידישן קריגס-אינוואַליד" № 1, אַז זי זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט די אידישע קריגס-אינוואַלידן, האָט קיין שום אָפּקלאַנג נישט געפונען. אַלס קליינער באַווייז איז די אינדיפערענטקייט פון אַ פּערזאָן, וואָס שטייט בראש פון כמעט דער גאַנצער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט פון קאָוונע, איינעם פון די הויפּט כלל-טוער אין ליטע, וועלכער האָט אפילו ניט געפונען פאַר נויטיק צו געבן די נויטיקע אינפאָרמאַציע, בעת מען האָט זיך געווענדעט צו אים. דאָס איז אַ פאַרברעכן אפילו פון שטאַנדפּונקט פון כלל-ישראל פּאָליטיק.

ווי זאָל מען אָרגאַניזירן די אידישע אינוואַלידן אין ליטע? אין דער צייט, ווען אין אַלע לענדער זיינען די אידישע אינוואַלידן אָרגאַניזירט און ווערן מער אָדער ווייניקער געשטיצט הן פון דער מלוכה, הן פון דער געזעלשאַפט, זיינען באַ אונז אין ליטע די אינוואַלידן אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. געוויס איז אין אַ געוויסער מאָס שולדיק אונזער צעשפּליטערטקייט און נישט-אָרגאַניזירטקייט. און דער אם אין אני לי, מי לי האָט אונז געשטויסן צו איבערנעמען אַליין די איניציאַטיוו, זיך נישט רעכנענדיק מיט אונזערע טאָג-טעגלעכע דאגות און צרות צו פאַרזאָרגן די אייגענע משפּחה מיט אַ שטיקל ברויט. מיר זיינען איבערצייגט, אַז ווען מיר וועלן זיין אָרגאַניזירט, וועט מען זיך צוהערן צו אונזער שטים, צו אונזער נויט און ליידן. נישט אומזיסט איז טאַקע אַזוי גרויס דער אינטערעס מצד די אינוואַלידן גופא צו אַן אייגענעם פאַראיין. יעדער אינוואַליד, צו ער געפינט זיך אין קאָוונע, צו אין דער פאַרוואָרפנסטער פּראָווינץ, פילט, ווי נויטווענדיק עס איז פאַר אים צו האָבן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, אַן אייגענע סביבה, וואו ער זאָל קענען קומען זיך אויסריידן זיין ביטערע האַרץ. צווישן אונזערע אידישע אינוואַלידן זיינען פאַראַן זייער אַ סך, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע פּאַפּירן און קענען אדאַנק דעם קיין פענסיע נישט באַקומען. אַן אינוואַלידן-פאַראיין וואָלט געקענט אין דעם פּרט אַ סך העלפן און אויפריכטן די דאָזיקע אינוואַלידן. מיר האָפן, אַז די שוין אָרגאַניזירטע אינוואַלידן אין די שכנישע לענדער וועלן אונז מיטהעלפן אין דער אַרבעט און אויך די אידישע געזעלשאַפט אין ליטע וועט לויטן ביישפּיל אין אַנדערע לענדער זיך מער נעמען אינטערעסירן מיט אונזער טרויעריקן גורל. לאָמיר האָפן, אַז דערמיט וועט דער טרויעריקער מצב פון אינוואַליד געפינען זיין תיקון.

קאָוונע, 15 דעקאַבער 1929.

72758

# דער מלחמה־קרבן.

*א. יאַקובאָוויטש.*

*(דער טרויעריקער וואָר).*

עס איז געווען אַ פראָסטיקער פרימאָרגן פאַר ניי־יאָר 1917, אַ טרוקענער שניי האָט געווייט פון די דעכער גלייך אין פנים אַריין. איינגעטוליעט אין שינעל איז בערל הורוויטש, „דער היימלאָזער קאַליקע" געגאַנגען איבער די ריגער גאַסן זוכן עפּעס אַ שטיקל פּרנסה אָדער אַרבעט, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז ס'איז אָך און ווי וואָס פאַר אַן אַרבעט ער קען שוין טאָן, אַז ער איז אַזאַ אומגליקלעכער קאַליקע — עס פעלט אים די רעכטע האַנט. ש'ין באַלד אַ האַלב יאָר ווי ער איז געקומען פון קריגס־שפּיטאָל, וואו ער איז אָפּגעלעגן פיר חדשים און די גאַנצע צייט קען ער זיך אַליין צו קיין זאַך ניט דערשלאָגן.

ער איז געגאַנגען פאַמעלעך, איינגעבויגן אינדרייען ווי ער וואָלט אַ זקן געווען, אָדער ווי עמיץ וואָלט אים אַרויפגעפּאַקט אַ שווערן פּאַק אַף זיינע אויסגעמאַטערטע פּלייצעס. ער איז געגאַנגען פון הויז צו הויז און געבעטן אַרבעט. אין אַנדערע ערטער פלעגט מען אים מעכאַניש ענטפערן — „ניין, ניט נויטיק"—גאָרניט איינקוקן זיך צו ער קען אַרבעטן אָדער ניט. אַנדערע ווידער פלעגן אים אָנקוקן און זען, אַז ער איז אַ קאַליקע און פּשוט אָנשרייען, וואָס ער קריכט און שטערט דער אַרבעט. אַנדערע ווידער פלעגן זיך נעמען זוכן אין די קעשענעס עפּעס אַ מטבע אים צו געבן, אָבער ער פלעגט גיך אַוועקגיין, כדי ניט צו דערלאָזן דעם געדאַנק צו נעמען אַ נדבה. און דאַן פלעגט אין אים אויפברויזן אַזאַ כעס אַף די אויפגעקומענע מלחמה־ספּעקולאַנטן, וואָס ווילן אים באַצאָלן פאַר זיין פאַרגאָסענע בלוט מיט אַ פּאָר קאָפּיקעס. אַ סך מאָל פלעגט ער באַשליסן, אַז ער וועט אַריינגיין צו איינעם פון די האָזיקע אויפגעקומענע און וועט אים גוט אויסזידלען, זאָגן אים, אַז ער איז אַ מיאוסער ספּעקולאַנט, אַז זיין געלט איז בלוט פון אומשולדיקע מענטשן, וואָס אין דער צייט, ווען זיי זיינען געלעגן אין די פינצטערע גריבער, געגאַנגען אַף אַ זיכערן טויט, פאַרסמט געוואָרן פון די גיפטיקע גאַזן— האָט ער זיך אָנגעזאָפּט מיט זייער בלוט. און היינט איז ער דער גביר... אָבער געוואוסט האָט ער, אַז ער וועט דאָס קיינמאָל ניט קענען זאָגן, ער פלעגט אַריינגיין צו אַזעלכע, פלעגט אפילו ניט קענען זאָגן נאָך וואָס ער איז געקומען, און בלייבן שטיין ווי אָן לשון. באַמערקנדיק ווי יענער זוכט עפּעס אים צו געבן אַ נדבה פלעגט בערל תיכּף פאַרשווינדן, אַרויסלויפן אין גאַס און אָנהייבן גיין גיך, גיך, מורא האָבנדיק זיך אומצוקערן, יענער זאָל אים ניט נאָכלויפן; יענער מיט די פּאָר קאָפּיקעס אין האַנט, פלעגט בלייבן שטיין און קלערן, אַז דאָס איז געוויס אַ משוגענער. בערלען איז דעמאָלט שטענדיק אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז ער איז ניט מער ווי אַ שמאַטע, וואָס מען וואַרפט אַרויס פון שטוב און יעדער קען עס טרעטן מיט די פיס וויפיל ער וויל נאָר.

ער איז געגאַנגען, געקוקט, אין אַלע וויטרינעס געזען אַזויפיל גוטע זאַכן. עך! ווען ער וואָלט קענען עפּעס קויפן פאַר זיין קראַנקער רייזלען און פאַר זיין טייערער חנהלע! און דאָ דערמאָנט ער זיך, ווי קאַלט עס איז באַ אים אין פינצטערן קעלער וואו ער לעבט. ער דערמאָנט זיך אָן די גרין־גרויע ווענט, וואָס זיינען שטענדיק נאַס, אַז עס איז ניטאָ אַף קיין קוילן זיך כאָטש אַביסל צו דערוואַרעמען און אַז זיין ווייב און קינד זיצן אָן אַ ביסן ברויט. וועגן זיך קלערט ער שוין גאָרניט, ער דערמאָנט זיך, ווי עלנט זיי זיינען דאָ. ניטאָ קיין גוטער פריינט, מיט וועמען מען קען זיך אויסריידן, צו וועמען זיך צו ווענדן. אַלע פון זייער שטעטל זיינען פאַרוואָגלט ווייט אין טיפן רוסלאַנד, נאָר זיין רייזל האָט ניט געוואָלט ווייט פאַרפאָרן פון דער היים און זי איז געבליבן אין ריגע ניט ווייט פון פראָנט, געהאָפט, אַז די מלחמה וועט זיך באַלד ענדיקן און מען וועט קענען פאָרן צוריק אַהיים.

ער איז אַזוי לאַנג געגאַנגען איבער די גאַסן, ביז דער פראָסט האָט אים גוט דורכגענומען דורך זיין צעריסענעם שינעל און שטיוול, וואָס מען האָט אים מיטגעגעבן פון שפּיטאָל. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אַמאָליקן פעלץ, וואָס ער האָט זיך געמאַכט צו זיין חתונה פאַר דער מלחמה און עס האָבן אים גענומען אויפקומען בילדער פון אַמאָל, פון אַמאָל—און ווי לאַנג איז דאָס דען אינגאַנצן? — מער ניט ווי אַ יאָר פינף. דעמאָלט איז ער נאָך געווען בערל הורוויטש, דער בעסטער שניידער אין שטעטל; אַ בעל־הבית מיט אַלעמען גלייך, באַ אים פלעגן זיך נייען די גרעסטע גבירים פון שטעטל; און ווי אַ קינאָ־פילם גייען דורך פאַר זיינע אויגן אַ ריי בילדער פון זיין קינדהייט און פון זיין יוגנט. יונג האָט ער אָנגעוואָרן טאַטע־מאַמע, זיך געוועלגערט אין דער פרעמד, געווען אַ בידנער יתום, ביז חיים־ברוך דער הערן־שניידער האָט אים צוגענומען און געמאַכט פאַר אַ מענטשן. ער איז געווען אַ שיינער, פריילעכער בחור; אַ טענצער, אַ זינגער, אַ שפּילער, און ניט אומזיסט האָט זיך זיין רייזל אין אים פאַרליבט, דאָס גאַנצע שטעטל בחורים האָבן אים דאַן מקנא געווען, וואָס ער האָט באַקומען די שענסטע מיידל פון שטעטל. ניט איין רייכער בחור פון די פני האָט אויסגעקוקט אַף רייזלען, אָבער באַקומען האָט זי ער. ער — בערל דער שניידער; ער, בערל, איז דעמאָלט געווען דער אָנפירער פון זייער בונדישן קרייזל אין 1905 יאָר, ער פלעגט האַלטן די רעדעס אין וואַלד הינטערן שטעטל. און איטלעכס מאָל פלעגט מען אָנזאָגן די חברים, אַז דעם שבת נאָכמיטיק וועט חבר באָרים ריידן אין וואַלד. דאָרטן אין וואַלד פלעגט ער זיך טרעפן מיט רייזלען, און עס איז געווען באַ אים אַ יחוס, אַז ער גייט מיט דער שענסטער מיידל פון שטעטל. דאַן איז זי געווען אַזאַ געזונטע, אַ פריילעכע, אירע שוואַרצע חנוודיקע אויגן. און היינט... — אַזאַ קראַנקע, אַזעלכע אויסגעוויינטע פינצטערע אויגן באַ איר.

און עס גייען אים פאַר זיינע אויגן ווייטער בילדער פון אַמאָל, ווי די שטעטל האָט זיך משמח געווען אַף זיין חתונה, וואָס מתנות ער האָט באַקומען פון די חברים, ווי ער האָט זיך געמאַכט אַליין אַ ווערקשטוב, געקויפט אַ נייע זינגער־נימאַשין, איינגעאָרדנט זיך אַ ווירטשאַפט און געלעבט ווי אַ מענטש. און אָט האָט רייזע אים געבאָרן אַ טאָכטערל חנהלען—אַ קינד, אַ גאָלד. אָבער ניט אַף לאַנג איז געווען דאָס גליק. ס'איז אָנגעקומען די פינצטערע מלחמה, וואָס האָט אים אַרויסגעריסן פון דער היים און פאַרוואָרפן ווייט־ווייט אין די פעלדער און וועלדער פון גאַליציען, וואו ער האָט זיך אָפּגעמאַטערט איבער דריי יאָר אַפן פראָנט, דורכגעמאַכט אַזוי פיל אָנגריפן און גאַז־אַטאַקעס, ביז דער „אויבערשטער" האָט זיך „מרחם געווען" און אים באַפרייט פון פראָנט... — אַ האַנט־גראַנאַט האָט אים אָפּגעריסן די גאַנצע רעכטע האַנט. ער איז געבליבן אַן אייביקער קאַליקע, אַן אייביקער בעטלער. און ער דערמאָנט זיך, אַז זייענדיק אַפן פראָנט איז זיין גאַנצע האָפנונג און טרייסט געווען, ער זאָל נאָר דערלעבן צו זען זיין רייזלען און חנהלען. ווי באַ יעדער אַטאַקע פלעגט ער זי זען — רייזלען מיט אירע שוואַרצע חנוודיקע אויגן, וואָס פלעגן אַזוי ווי בעטן: „היט זיך בערל, פאַרגעס ניט אָן מיר און אָן חנהלען". ער דערמאָנט זיך, ווי מען האָט אַרויסגעטריבן אַלע אידן פון שטעטל וואו ער האָט געוואוינט, ווי זיין רייזל האָט קוים באַוויזן מיטצונעמען די קאָרב מיט איר אויסשטייער, וואָס זי האָט יאָרן־לאַנג געקליבן, מיטן נייעם ניי־מאַשין. גערעכנט, אַז דער אויבערשטער וועט העלפן און בערל וועט קומען צוריק, וועט מען ווידער מאַכן אַ לעבן -- היינט גיי וויים, אַז איר בערל וועט קומען צוריק אָן דער רעכטער האַנט, און וועט שוין ניט קענען זיין מער קיין שניידער. אַזוי האָט רייזל אין דער צייט, ווען ער איז געווען אין קריג און אין שפּיטאָל, פּאַמעלעך אויספאַרקויפט די דרשה־מתנות, דעם גרויסן כוס און די זעקס קליינינקע בעכערלעך, אַלע זילבערנע לעפל מיט די טיי־לעפעלעך, איר גאָלדענעם זייגער מיט דער קייטל, וואָס ער האָט איר געשאָנקען צו דער חתונה. שפּעטער זיין פעלץ, זיינע קליידער, איר זיידענעם מאַנטל, וואָס זי האָט זיך געמאַכט צו דער חתונה. ווייטער האָט מען פאַרקויפט די קליידער, לייַלעכער, האַנטיכער, טישטיכער, ביז די קאָרב, וואָס איז אַמאָל געווען פול געפּאַקט איז געוואָרן כמעט ליידיק.

און אפשר איז זיין רייזל קראַנק נאָר טאַקע צוליב אים אַליין. די גאַנצע צייט, וואָס זי איז געווען אַליין, אָן אים, האָט זי זיך שטאַרק

געפּייניקט, ניט דערגעסן, ניט דערשלאָפן און אויפגעפּאַסט חנהלען, געוואַרט ביז גאָט וועט העלפן און איר בערל וועט קומען צוריק. נאָר ווען זי האָט געזען, ווי איר טייערער בערל איז געקומען צוריק אַזאַ אומגליקלעכער קאַליקע, אָן דער רעכטער האַנט, האָט זי גאָר פאַרלאָרן די האָפנונג, און זי איז נאָך קראַנקער געוואָרן. זי פלעגט זען ווי ער, בערל, גייט אַלע טאָג אין שטאָט זוכן עפּעס צו פאַרדינען און קומט אַהיים אַ פאַרפראָרענער, אַ הונגעריקער. אין שטוב איז קאַלט און פינצטער, די צוויי פענצטערלעך פאַרפראָרן, פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס. ס'איז ניטאָ אַ שטיקל האָלץ. דאָס אַלץ האָט איר גאָר אינגאַנצן פאַרקירצט די יאָרן. ער זעט ווי זי פאָרעט זיך אַלע טאָג אין קאָרב, זוכט עפּעס צו פאַרקויפן, אָבער... עס איז שוין באַלד ניט געבליבן וואָס צו פאַרקויפן. געבליבן איז נאָר דער גרויסער זיידענער טישטוך, וואָס זי אַליין האָט עס אויסגעשטיקט פאַר איר אויסשטייער, דער טישטוך, וואָס איז אַמאָל אַרומגעגאַנגען איבער גאַנץ שטעטל און אַלע האָבן זיך מיט אים געצאַצקעט—און די ניי-מאַשין, וועלכע רייזל וויל בשום אופן ניט פאַרקויפן. געהאָפט, אפשר וועט זיך בעסערן די צייט, מען וועט קענען פאָרן צוריק אַהיים, נעמען אַ מענטשן, און מען וועט ווידער מאַכן אַ לעבן. מיט אַ מאַשין אין שטוב קען מען האָבן ברויט. נאָר זעענדיק, אַז רייזל ווערט אַלץ ערגער און ערגער האָט ער איצט גייענדיק באַשלאָסן, אַז מען וועט מוזן פאַרקויפן די מאַשין און לאָזן רופן אַ גוטן דאָקטאָר, זאָל קאָסטן, וואָס עס קאָסט.

מיט די געדאַנקען האָט ער אָנגעהויבן גיין גיכער אַהיים, ער האָט גאָרניט באַמערקט, אַז עס איז שוין פינצטערלעך, אַז דער טאָג איז שוין אויך פאַרביי, אַז ער האָט נאָך היינט ניט געגעסן. אָט איז ער שוין באַם איבערפאָרט צום מאָסקווער פאָרשטאָט, וואו עס מאַנעווורירן לאָקאָמאָטיוון אַהין און צוריק; און פלוצלונג פאַלט אים אַרויף גאָר אַ משוגענער געדאַנק: אַרונטערוואַרפן זיך אונטערן לאָקאָמאָטיוו און זאָל שוין גאָר נעמען אַ סוף צו די צרות. נאָר ער דערמאָנט זיך אָן רייזלען און חנהלען און ער הויבט אָן אינדערגיך צו לויפן, כדי צו פאַרטרייבן דעם משוגענעם געדאַנק.

אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער געפונען, ווי דאָרטן איז וואַרים און ליכטיק. דער קליינער קעראָסין-לעמפּל באַלייכט דעם פינצטערן קעלער. אויפן אייזערנעם אייוועלע שטייט אָנגעגרייט אַ שיסל קאַרטאָפל מיט גרויפּן, אויפן טיש ליגט אַ גאַנצער לעבל ברויט. ער פאַרשטייט, אַז רייזל האָט געמוזט פאַרקויפן דעם טישטוך, נאָר פרעגן וויל ער ניט, ער ווייס, אַז מיטן פרעגן וועט ער איר פאַרשאַפן נאָך מער יסורים. ער גייט צו צום קערבל און ער איבערצייגט זיך, אַז דער טישטוך איז טאַקע ניטאָ. ער שטעלט זיך פאָר מיט וואָס פאַר אַ האַרץ רייזל האָט געטראָגן פאַרקויפן דעם טישטוך.

נאָר רייזל אַליין דערציילט אים, אַז זי האָט פאַרקויפט דעם טישטוך, זי האָט ניט געקענט מער אויסהאַלטן, און זען ווי ער גייט אַרום גאַנצע טעג אַ ניטגעגעסענער. זי דערציילט אים אויך, אַז אַ שכנטע פון הויף האָט איר רעקאָמענדירט בײַ אַ באַלעבאָסטע וועש צו וואַשן, וועט זי אַביסל פאַרדינען, און זי וועט אפשר קריגן נאָך אייניקע טעג אין וואָך אַרבעט. זי דערציילט אים אויך, אַז אויפן הויף זיינען אייניקע קינדער קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און עס איז דאָ אַ באַפעל גלייך צו מעלדן וועגן יעדן טיפוס-פאַל.

ער איז צו צו הנהלעס בעט, וועלכע איז געלעגן איינגעטולעט אין שמאַטעס און געשלאָפן. ער האָט איר אָנגעטאַפּט איר קעפעלע און אַ קוש געטאָן. אַ דאַנק גאָט, קלערט ער, וואָס זי איז געזונט.

זיי זעצן זיך עסן. זיי רײדן נישט. ער זעט, ווי אירע אויגן זיינען פול מיט טרערן. ער פאַרשטייט, אַז דאָס האָט זי זיך געוויס דערמאָנט אָן די צייטן, ווען זי האָט דעם טישטוך אויסגענייט, נאָר טרייסטן קען ער זי ניט. די האַרץ איז אים אויך פול און ער שווייגט. אָבער עסן קען ער אויך ניט. יעדער ביסן, וואָס ער שלינגט אַרונטער, בלייבט אים שטעקן אין האַלז, און ער רופט זיך אָפּ צו רייזלען, אַז ער איז זאַט, ער וועט די גרויפּן לאָזן אויף מאָרגן, ער וועט דאָס אָנוואַרעמען אויפן אייוועלע און עסן מיט חנהלען.

באַנאַכט הערט ער, ווי רייזל הוסט און קרעכצט, ער ליגט און קען ניט אַנטשלאָפן ווערן. ער ווייס, אַז עס איז שוין באַלד ניט געבליבן מער וואָס צו פאַרקויפן, און דאָ—אַזעלכע פראָסט און נאָך קראַנקייטן. פאַרטאָג הערט ער, ווי רייזל שטייט אויף, הוסט און קלייבט זיך אַוועקצוגיין צו דער אַרבעט. ער בעט איר, זי זאָל אפשר ניט גיין, נאָר זי מוז גיין — ענטפערט רייזל, זי מוז, כדי חנהלען זאָל גאָרנישט פעלן, זי זאָל חס-ושלום ניט קראַנק ווערן.

רייזל איז אַוועקגעגאַנגען און ער איז געבליבן אַליין מיט חנהלען. ער איז אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק איבערן קעלער-שטוב, ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי שווער עס וועט זיין רייזלען צו אַרבעטן קראַנקערהייט. און עס איז אים פלוצלונג באַפאַלן אַזאַ אומרואיקייט און די מחשבות זיינען אים צעמישט געוואָרן. אפשר איז דאָס אַ משוגעת-אָנפאַל. אַ היץ איז אים אַריבער איבערן לייב, ער האָט גענומען מורא האָבן. ער זאָל עפּעס ניט אָפּטאָן מיט זיך אָדער מיט חנהלען. ער איז אַזוי אַרומגעלאָפן פון וואַנט צו וואַנט, ביז ער האָט דערשפּירט, אַז עס ווערט קעלטער אין שטוב און ער האָט אָנגעהויבן זוכן אין קעלער עפּעס, וואָס מען קאָן פאַרברענען, אָבער יעדע זאַך, אויף וואָס ער האָט געוואָרפן זיינע אויגן, האָט אים אַזוי וויי געטאָן צו פאַרברענען. נאָר אָט האָט ער דערזען דעם אַלטן סאַלאָן-שטול אויף דריי פיסלעך, אַ קאַליקע-שטול, וואָס איז אַזוי נעבעכדיק און אָרים געשטאַנען אין אַ ווינקל, ער איז אינדערגיך צוגעלאָפן, געכאַפּט דעם שטול מיט זיין לינקער האַנט און דערלאַנגט אַ זעץ אָן דרערד, אַ קאַליקע, אַזוי ווי איך — קלערט ער — ער דאַרף אויף געוויס אויף דער וועלט ניט זיין. דער שטול האָט געקרעכצט און זיך געבראָכן אונטער אים און עס האָט אים געדוכט, ווי דער שטול קלאָגט זיך פאַר אים: „וואָס בין איך שולדיק, אַז איך בין אַ קאַליקע אויף דריי פיסלעך" — ער האָט געוואָרפן די שטיקער האָלץ אין אויוועלע, געקוקט ווי דער פייער ברענט, און געטראַכט, אַז דער גורל פונם שטול איז דער אייגענער ווי זיינער. אַז אַמאָל האָט מען דאָך דעם שטול געפּוצט און געריינט ער איז געשטאַנען אויבנאָן אין אַ סאַלאָן, און היינט, אַז ער איז אַ קאַליקע, אויף וואָס טויג ער? ניט מער ווי אין פייער — אָט אַזוי דאַרף טאַקע זיין מיט אַלע קאַליקעס — קלערט ער — צו וואָס נאָך זיך מאַטערן?.. דערווייל האָט זיך חנהלע אויפ-

**Кто ценит свое здоровье**

тот кушает

ШОКОЛАД

Конфекты

СПЛЕНДИД

ГОРЬКИЙ

СЕНСАЦИЯ

КАБАРЕ

От кашля
и хрипоты

Эйкалиптус
ментол

Солодовые
конфекты

А./О. «ЛАЙМА»

РИГА.

72759



געכאַפּט פון שלאָף. ער איז צו צו איר בעטל, האָט זי געקושט און געגלעט, אַ נייע האָפנונג האָט זיך אין אים דערוועקט, ער האָט גע־פילט, אַז ניט אַלץ גייט נאָך אונטער. ער האָט זיך געוואָלט מאַכן אַ ביסל פריילעך און אַ שמייכל האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן איבער זיין פאַרחושכטן פּנים, ער האָט געוואָלט איצט לעבן נאָר צוליב רייזלען און חנהלען, אַלץ האָט אים איצט געשיינט מיט גליק און ליבע, אַפילו דער פינצטערער נאַסער קעלער...

מיט זיין איינציקער האַנט האָט ער געהאָלפן חנהלען זיך אָנטאָן, און אין אָנטאָן פרעגט זי אים — „וואו איז די מאַמע"? ער זאָגט איר, אַז די מאַמע איז געגאַנגען אַרבעטן. —„פאַרוואָס אַרבעטסטו ניט, טאַטע!" — „איך האָב ניט קיין אַרבעט, חנהלע — ענטפערט ער איר. פלוצלונג פאַלט איר איין און זי פרעגט: „וואו איז, טאַטע, דיין אַנדער האַנט?" ווי צעמישט איז ער געוואָרן פון חנהלעס פראַגע און ער האָט גלייך נישט געוואוסט, וואָס איר צו ענטפערן. נאָר ווען זי האָט אים נאָך אַמאָל געפרעגט, האָט ער איר געענטפערט: „שלעכטע מענטשן, חנהלע, האָבן צוגענומען מיין האַנט"

„ווער זיינען די שלעכטע מענטשן?" פרעגט זי ווייטער, „איך וועל זיי אַלעמאָל פיינט האָבן".

„ניין, חנהלע, די מענטשן זיינען גאָרניט שולדיק, זיי זיינען אפשר אויך אומגליקלעך, אַזוי ווי איך". און ער דערמאָנט זיך, אַז ער רעדט זיך דאָ אויס מיט אַ פינפיאָריקן קינד. „ווען דו וועסט עלטער ווערן, חנהלע, וועסטו אַליין אַלץ פאַרשטיין". און ער הויבט אָן ריידן מיט איר גאָר וועגן אַנדערע זאַכן, כּדי איר צו פאַרטרייבן די געדאַנקען.

„דו ווייסט, חנהלע, אַז ווי איך וועל נאָר קריגן אַרבעט, וועל איך דיר קויפן אַ נייע קליידעלע".

„אָבער אַ ראָזינקע קליידעלע וויל איך" זאָגט חנהלע, „געוויס, ענטפערט ער, „אַ ראָזינקע מיט אַ שיינע ראָזע באַנד אין קאָפּ".

*

אַזוי זיינען געגאַנגען די טעג. ער פלעגט כּסדר אַלע טאָג גיין אין שטאָט זוכן עפּעס צו פאַרדינען און כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז ער גייט אומזיסט פלעגט אים דאָך ציען אין שטאָט; ער פלעגט ניט קענען איינזיצן אין פינצטערן נאַסן קעלער. ער פלעגט גיין דורך מאָסקווער גאַס, שטענדיק זען אַלץ די זעלביקע פאַרחושכטע מענטשן, זען ווי די מענטשן-שאָטנס שטייען אויפן פראָסט אין די לאַנגע אָטשערעדן צו באַקומען עפּעס אויפן קאַרטע, איייניקע מאָל האָט ער זיך אַליין אויך אַוועקגעשטעלט צוגלייך מיט אַנדערע, ניט וויסנדיק אַפילו, וואָס מען גיט דאָרטן.

אָבער לאַנג פלעגט ער ניט שטיין. אַז עס פלעגט קומען זיין ריי, פלעגט ער אַליין אַוועקגיין, אָדער ער פלעגט זיך נאָכפרעגן בײַ די אַרו־מיקע, וואָס מען גיט דאָ אויפן קאַרטע, און זיך דערוויסנדיק, אַז מען גיט חזיר-פליייש אָדער ביינער, פלעגט ער גיך אַוועקגיין. די אַרו־מיקע פלעגן אים באַקוקן פאַרוואונדערט: „מסתמא אַ משוגענער"... איי־ניקע מאָל האָט ער עס אַליין געהערט און געקלערט בײַ זיך, אַז עס קאָן אויך זיין, דער קאָפּ טוט אים לעצטנס שטאַרק וויי, און עס קען זיין, אַז עס איז אַ משוגעת-אָנפאַל. פון אַזעלכע געדאַנקען פלעגט אים אַריבערגיין אַ היץ איבערן גוף און ער פלעגט אָנהויבן גיין, כּדי צו פאַרטרייבן די פינצטערע מחשבות.

אַזוי זיינען געלאָפן טעג און וואָכן. אין קאָרב איז אַלץ ליידיקער און גראַמער געוואָרן און אַ שוידער פלעגט אים דורכנעמען, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז עס וועט דאָך אַמאָל נעמען אַ סוף צו דער קאָרב אויך... אַזוי האָט דער דלות, נויט און פּיין זיי ניט אָפּגעלאָזן. ביז ער איז איינמאָל געקומען פון גאַס אַ דערפראָרענער און געפונען אין שטוב איייניקע שכנים. רייזל ליגט אין בעט, קלאָגט און וויינט. — חנהלע ליגט אין אַ שטאַרקן פיבער. די שכנים גיבן עצות, וואָס צו טאָן.

בערל — שרייט אויס רייזל — לויף אינדערגיך ברענגען אַ דאָקטאָר, זע צו ראַטעווען אונזער טייער קינד. ער האָט ניט געקענט ענטפערן. ער איז געבליבן שטיין לעבן חנהלעס בעטל ווי אַ געליימ־טער, עס האָט אים אָפּגענומען דער לשון, ווי איינער וואָלט אים דער־לאַנגט אַ זעץ אין קאָפּ מיט אַ שווערער משא. נאָר דערזעענדיק חנהלעס בלאַסן פּנימל און ווי זי ברענט ווי אין אַ פייער, איז ער אַרויס אויפן גאַס און אָנגעהויבן לויפן ווי אַ משוגענער. וואוהין ער איז געלאָפן האָט ער אַליין ניט געוואוסט. עס איז אים פאָרגעקומען, אַז דאָס לויפט מען אין אַטאַקע און אָט זיינען טאַקע די דייטשן, נאָר פאַרוואָס שיסן זיי ניט אויף אים, פאַרוואָס זיינען זיי אָן ביקסן. נאָר ניין, עס איז ניט קיין אַטאַקע, ווי קען ער לויפן אין אַטאַקע, אַז ער איז שוין אויף איין האַנט, און אַז ער לויפט עס גאָר אין ביקור-חולים בעטן מען זאָל שיקן אַ דאָקטאָר.

ווען ער איז אַריינגעלאָפן אין ביקור-חולים האָט ער ניט געקענט ריידן פון מידקייט. ער איז צוגעפאַלן צו דער שוועסטער, וואָס פאַר־שרייבט די פאַציענטן, זיך געבעטן און געוויינט מען זאָל וואָס גיכער שיקן אַ דאָקטאָר, זען ראַטעווען זיין חנהלען. די שוועסטער האָט פאַרשריבן זיין אַדרעס און פאַרשפּראָכן, אַז מען וועט שיקן אַ דאָקטאָר.

ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער געפונען חנהלען נאָך ער־גער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן קאַנט פון בעטל, אַ מידער, אַ הונגעריקער, גאָר פאַרגעסן, אַז ער האָט נאָך היינט כּמעט ניט גע־געסן, געקוקט דאָ אויף רייזלען, וועלכע איז געלעגן אין בעט און גע־הוכט מיט שטיקער בלוט, דאָ אויף חנהלען, וואָס איז געלעגן אַ פאַרשמאַכטע מיט האַלב אָפענע אייגעלעך, מיט בלויע ליפּעלעך, ווי זיי וואָלטן זיך בעטן „ראַ־טעוועט מיך". פון יעדן סקריפּ פון טיר פלעגט ער אויפשפּרינגען, גע־מיינט, אַז דער דאָקטאָר גייט. אַזוי איז ער געזעסן, ביז אויפן גאַס איז געוואָרן שטיל. עס האָט געמוזט שוין זיין זייער שפּעט, און דער דאָקטאָר איז נאָך אַלץ ניט געווען געקומען. קיין זייגער האָט ער ניט געהאַט, און יעדע שעה איז אים פאָרגעקומען ווי אַ אייביקייט.

די גאַנצע נאַכט איז ער אַזוי אָפּגעזעסן אויפן קאַנט פון בעט און געוואַרט... ביז ער האָט דערזען, אַז עס הויבט אָן צו טאָגן, ער וואַרפט זיינע בליקן אויף חנהלען און זעט, אַז זי גייט אויס. ניט איינמאָל האָט ער אויפן פראָנט געזען אַזעלכע שטאַרבנדיקע אויגן.

גלייך אינדערפרי איז ער אַוועקגעלאָפן אויפן טרײדל-מאַרק אָנבאָטן אַ הענדלער די ניי-מאַשין. דער הענדלער איז מיט אים גלייך מיט־געגאַנגען, באַקוקט די מאַשין ווי אַ מבין, באַקירט אַביסל, געפּרואווט דעם נאָדל-שטאַנג, באַטראַכט די ציינער, צופיל אָפּגענוצט. בערל האָט זיך געשוואָרן, אַז עס איז אַ נייע מאַשין, ער זאָל דערלעבן זען חנהלען אַ געזונטע, אַז ערשט אַ פאָר יאָר פאַר דער מלחמה האָט ער זי געקויפט. נאָר פאַרקויפט האָט ער איר פאַר האַלב אומזיסט,

בערל האָט גלייך געכאַפּט די פאָר רובל און איז אַוועקגעלאָפן ברענגען דעם דייטשן דאָקטאָר, וואָס האָט געוואוינט אויפן פאָרשטאַט. לויפנדיק פון דאָקטאָר האָט ער אויך געקויפט חלה, מילך, צו־קער פאַר רייזלען און חנהלען.

באַלד איז געקומען דער דאָקטאָר. ער האָט זיך אויסגעטאָן זיין גרויסן פוקסן-פעלץ, פאַמעלעך אויסגעווישט זיינע גאָלדענע ברילן, באַ־




די גאָרדאָן

ריגע, וועבער-ג. 13

געגרינדעט 1881.

טעל. געשעפט: 2-2-6-7-4

„ לאַגער: 3-2-8-9-5

אוהרן, גאָלד, זילבער, בריי־
ליאַנטן, קריסטאַל - וואַרן.

אייגענע ווערקשטובן.

קוקט די אָרימקייט, דעם נאַסן קאַלטן קעלער. דעם פינצטערן פאַרחושכטן פּנים פון דעם איינהאַנטיקן בערלען. אָנגעטאָן אין צעריסענעם שינעל. נאָכדעם איז ער צו צו חנהלעס בעטל, איר באַטראַכט, האָט גאָרנישט געזאָגט, געמאַכט מיטן קאָפּ און געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

רייזל איז אים געפאַלן צו די פיס און זיך געבעטן „ליבער הער דאָקטאָר! ראַטעוועט מיר מיין קינד — „צו שפּעט. ראַטעווען קען נאָר איצט גאָט" — האָט דער דאָקטאָר קאַלט געענטפערט. און ער האָט זיך לאַנגזאַם אָנגעטאָן צוריק זיין פּעלץ, האָט ווידער באַקוקט די אָרימקייט, האָט אַפילו קיין געלט ניט גענומען און איז אַוועק.

רייזל איז געבליבן אין איין שרייען און יאָמערן...

אַ פּאָר שעה שפּעטער איז חנהלע געשטאָרבן. אַף דעם פּאָטערס הענט איז זי אויסגעגאַנגען.

ווען דער דאָקטאָר פון ביקור-חולים איז געקומען, איז שוין געווען אומזיסט. חנהלה איז שוין דאַן געלעגן אַ פאַרגליווערטע מיט האַלב אָפּענע אויגעלעך...

בערל האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ פאַר יסורים, רייזל האָט כּסדר געחלשט, אַרומגעלאָפן איבערן קעלער יאָמערנדיק און שרייענדיק „מיין קינד... מיין קינד"... בערל איז געשטאַנען לעבן קינדס בעטל זיך באַגעגנט מיט חנהלעס בליק, און עס איז אים פאָרגעקומען ווי זי בעט זיך בּאַ אים: „וואו איז דען די ראָזינקע קליידעלע, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט?" ער האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן, אַ קוואַל טרערן האָט אים: אַרויסגעשפּאַרט פון די אויגן, און ער האָט אַ פאַל געטאָן אַף די קני, פאַרוואָרפן די קאָפּ אַף חנהלעס בעטל און זיך פאַרגאַנגען אין יאָמערלעכן קלאָגן.

ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער דערזען אַ פולע שטוב מיט פרעמדע מענטשן. שמשים פון חברה קדישא האָבן גענומען חנהלען אין שוואַרצן קעסטל און טראָגן עס אַרויס אין וואָגן. רייזל ליגט אין בעט און אייניקע שכנטעס מינטערן זי. וויפיל ער האָט זיך בּאַ איר געבעטן, זי זאָל ניט גיין אַפן בית-עולם, האָט ניט געהאָלפן.

„רייזל דערבאַרעם זיך אַף זיך אַליין, האָב רחמנות אַף דיינע יונגע יאָרן". זי איז נאָר געווען אין איין יאָמערן און רעווענען ווי אַ ווילדע חיה, וואָס מען נעמט צו איר קינד און מען פאַרשפּאַרט עס אין אַ שטייג, — „מיין קינד... מיין קינד"...

*

אַז זיי זיינען געקומען פון בית-עולם האָבן זיי געפונען דעם קעלער אויסגעהייצט, אָנגעגרייט טיי. אייניקע שכנים האָבן זיך אַרומגעדרייט אין שטוב, צוגעטראָגן מילך צו רייזלען, וועלכע איז געלעגן אין בעט און געהוסט מיט שטיקער בלוט. ער איז צו צום בעט און זיך געבעטן זי זאָל וואָס נעמען אין מויל אַריין, ער האָט זיך אַוועקגעזעצט בּאַ איר אַפן בעט און האָט נאָר געוואָלט אַז אַלע זאָלן אַוועקגיין, זאָל מען זיי לאָזן אַליין מיט זייער גרויסן צער.

פּלוצלונג דערלאַנגט זיך רייזל אַ הויב פון בעט און זאָגט „בערל, די שיך טו אויס, — מיר זיינען דאָך אבלים, מיר דאַרפן דאָך זיצן שבעה נאָך אונזער חנהלען.

שטיל אָן אַ וואָרט האָט ער קוים אַראָפּגעשלעפּט זיינע שטיוול און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַף דער ערד לעבן רייזלס בעט. דער קאָפּ איז אים אַראָפּגעזונקען צווישן די קני, ער איז אַזוי געזעסן און האָט נאָר געקלערט, פאַרוואָס האָט דער האַנט-גראַנאַט אים דאַן אַפן פראָנט בעסער ניט אָפּגעריסן דעם קאָפּ איידער די האַנט, פאַרוואָס איז דער לעבן אַזאַ צולהכעסניק... ווי לאַנג ער איז אַזוי געזעסן אַף דער ערד געדיינקט ער ניט, נאָר ער האָט דערפילט אַ ווייטיק אין די ביינער, ער האָט זיך קוים אַף זיין איין האַנט אויפגעהויבן. רייזל איז אַ ווײַלע אַנטשלאָפן געוואָרן, און ער האָט איר ניט געוואָלט אויפוועקן. גאָר אינדערשטיל האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אַפן האַרטן שטרוזאַק און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

*

אַזוי זיינען געגאַנגען די טעג. רייזל איז אַלץ ערגער געוואָרן, בעת זי האָט פאַרקרינקט די לעצטע פאַר רובל פון מאַשין, האָט ער אָנגעהויבן צו לויפן אין ביקור-חולים. אַזוי ווי אַ משוגענער איז ער אַרומגעלאָפן, זוכנדיק דאָקטוירים וואָס זאָלן ראַטעווען זיין רייזלען. אָבער אומזיסט... די דאָקטוירים האָבן איר קיין הילף ניט געקענט געבן. אירע לונגען זיינען שוין געווען אויסגעהוסט... און רייזל האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן אויסגיין.

גאַנצענע טעג איז ער אָפּגעזעסן אַף איר בעט, גאָר פאַרגעסן אַז מען דאַרף עפּעס עסן. זעלטן ווער פון די שכנים פלעגט אַריינקומען, ער איז געווען אַסך צופרידענער אַז מען קומט ניט אַריין. די ערשטע צייט האָט נאָך רייזל גערעדט. זי פלעגט באַוויינען אירע יונגע יאָרן, אַז זי האָט שוין ניט אַף וואָס צו האָפן, אַז איר לעבן איז שוין פאַרשפּילט... שפּעטער, ווען זי איז שוואַכער געוואָרן, האָט זי זייער ווייניק גערעדט נאָר שטילערהייט געוויינט. די טרערן האָבן לאַנגזאַם געראָנען אַף דעם אַמאָל שיינעם פּנים, און אַפן שמוציקן צעריסענעם קישן אַראָפּ. ער האָט געקוקט אַף איר גרין-בלייכקייט אַפן פּנים, וואָס נעמט אָן וואָס פון טאָג דעם קבר-קאָליר, אַף די טרערן וואָס רינען פון אירע אויגן אַפן קישן און עס איז אים פאָרגעקומען אַז די טרערן וועלן שוין קיינמאָל ניט אויפהערן, און אַז די טרערן וועלן אים אויך אין קבר אַריינטראָגן. אַן אַנדערש מאָל האָט ער אַף אַ ווײַלע געוואָלט פאַרגעסן און האָט צוגעמאַכט די אויגן. עס פלעגט זיך אים פאָרשטעלן די אַמאָליקע שיינע ראָזע מיט אירע שוואַרצע חנודיקע אויגן.

*

אַזוי ווי אַ ליכט איז זי אויסגעגאַנגען, מיט אַ רואיקן שמייכל איז זי געבליבן ליגן, איין האַנט איז איר אַראָפּגעהאַנגען פון בעט, אַזוי ווי אַן אַראָפּגעהאַקטער צווייג פון אַ בוים. ווער ווייס וואָס זי האָט געזען פאַרן טויט? אפשר איר אַמאָליקן באָרים ריידנדיק אין וואַלד הינטערן שטעטל פאַר די חברים און אפשר איר חנה'לען. ווער ווייס??...

בערל איז געשטאַנען לעבן בעט אַף די קני, געיאָמערט און געקלאָגט. ער האָט איבערגעלעבט דעם גאַנצן גרויל, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען, וואָס די אומגליקלעכע פינצטערע מלחמה האָט מיט אים געמאַכט. ער האָט דערפילט, אַז איצטער איז ער אַליין געבליבן, עלנט אין נאַסן קעלער, אַז ער האָט ניט מער פאַר וועמען צו לעבן. אָ, ווי ער האָט אַף זיך געבעטן דעם טויט, ליגן צוזאַמען מיט רייזלען. אַ סוף זאָל נעמען צו זיינע צרות... אָבער דער סוף איז נאָך געווען ווייט... דער כּוס פון פּיין און נויט איז נאָך ניט געווען פול...

דעם זעלבן טאָג איז פאָרגעקומען די לויה. ער אַליין האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָכן שוואַרצן וואָגן, ניטאָ קיינער... ניטאָ קיינער ווער עס זאָל אים אַ טרייסט-וואָרט זאָגן... בלויז אַ ווינטל האָט שטיפעריש געשאָקלט זיין רעכטן אַרבל פון שינעל, ווי געוואָלט זיך רייצן מיט אים, און אים ווייזן אַז ער איז אַ קאַליקע.

ער האָט רואיק געזען, ווי מען האָט רייזלען אַרונטערגעלאָזן אין קבר, ער האָט געזען ווי מען באַלייגט מיט שערבלעך אירע אַמאָליקע חנודיקע שוואַרצע אויגן. ער האָט געזען ווי די שמשים, שיטן די האַרטע שטיקער פאַרפראָרענע ערד און ער האָט איין טרער ניט געקענט אַרויסלאָזן. נאָר ווען דער שמש האָט אים געהייסן זאָגן קדיש, איז ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן זאָגן יתגדל יתקדש, האָט אַ שטראָם טרערן אַ גאָס געטאָן פון זיינע אויגן און ער איז אַרופגעפאַלן אַפן פרישן בערגל, וואָס איז געוואָרן פון זיין רייזלען און יאָמערלעך געקלאָגט, אַפילו ניט געקענט ענדיקן זאָגן קדיש. די שמשים האָבן אים קוים אָפּגעריסן פון קבר און האָבן אים אַרונטערגעפירט פון בית-עולם. אָ, ווי ער האָט געוועלט בלייבן אַפן בית-עולם, ניט געוואָלט גיין אַליין אין פינצטערן נאַסן קעלער...

*

חנהלעס פּלוצלונגער טויט און לעצטערס רייזלס קרינק און איר שטילער אויסגיין האָבן פון אים געמאַכט אַ תּל, ער איז אינגאַנצן גראָ געוואָרן, געגאַנגען איינגעבויגן ווי אַ זקן; ווייניק וואָס געגאַנגען אין שטאָט, אים האָט גאָרנישט געאַרט. ער האָט קיין זאַך ניט געוואָלט. ער איז נאָר צוגעגאַנגען צום טריידל-מאַרק, פאַרקויפן עפּעס אַ ציכל פון אַ קישן, רייזלס אַ העמד אָדער אַן אַנדער שמאַטע, וואָס ער פלעגט נאָך געפינען אין קאָרב, ער פלעגט זיך איינשפּאַרן אין קעלער, און זיצן אַליין. געוואָלט אַז קיינער פון זיינע שכנים זאָלן צו אים ניט אַריינקומען, זיצן און באַטראַכטן וואָס די מלחמה האָט געמאַכט פון אים, פון זיין רייזלען און חנה'לען.

72760



אַנדערע טעג פלעגט ער פאַרטאָג אַוועק אַפן בית־עולם, וואַרטן ביז דער „דוואָרניק“ פלעגט עפענען דעם טויער, אַוועקגיין אַף חנהלעס און רייזלס קבר און זיצן אַ גאַנצן טאָג ביז עס פלעגט ווערן פינצטער, ביז דער דוואָרניק פלעגט אים אַרונטערטרייבן פון בית־עולם.

ער פלעגט קומען אַהיים און זיך אַוועקלייגן ניטגעגעסענערהייט און ליגן. ער האָט טעג ניט געגעסן און געוואָלט אַזוי אויסגיין פון הונגער, קיינער זאָל פון אים ניט וויסן.

אַזוי איז ער טעג אָפּגעזעסן איינער אַליין איינגעשפּאַרטערהייט, ניט עסן, ניט הייצן דעם אויוועלע, ליגן אָנגעטאָן אין שינעל און וואַרטן אַפן טויט. דרעמלען און פאַנטאַזירן פון אַמאָל ווען ער איז נאָך געווען בערל הורוויטש. עס פלעגן זיך איבּ ווייזן דאָ רייזל, דאָ חנה'לע, ווי זי מאָנט בּאַ אים די ראָזינקע קליידעלע. די בּילדער פון פראָנט, פון לאַזאַרעט. אין אַזעלכע געדאַנקען פלעגט ער אַנטשלאָפן ווערן. און אַזוי איז ער טאַקע איינמאָל אַנטשלאָפן געוואָרן אַף אייבּיק...

*

געפונען האָט מען אים ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום, ליגנדיק איינגעקאָרטשעט אין שינעל, מיט האַלבּ אָפענע אויגן, מיט אַ שמייכל אַף די ליפּן, געווען קענטיק, אַז ער איז געווען צופרידן וואָס עס איז געקומען דער סוף...

מען האָט אים גלייך צוגענומען אין רעטונגס־הויז וואו מען האָט אים געפּלמעסט און דער דאָקטאָר האָט קאָנסטאַטירט, אַז ער איז געשטאָרבּן פון הונגער...

עס איז קיינער ניט געווען ווער עס זאָל זיך אינטערעסירן מען זאָל אים ניט פלמעסן אָדער עס זאָל גיכער זיין די לויה. ערשט אין דריי־פיר טעג אַרום איז געווען די לויה. עס איז געווען די זעלבּע שטילע לויה ווי בּאַ רייזלען, קיינער איז נאָכן שוואַרצן וואָגן ניט נאָכ־געגאַנגען, ווער האָט דען געזאָלט נאָכגיין נאָך אַ היימלאָזן ? ווי עלנט ער האָט געלעבּט — אַזוי עלנט איז אויך געווען זיין לעצטער וועג צו דער אייבּיקער רו. לאַנגזאַם האָט זיך געשלעפּט דער שוואַרצער וואָגן איבּער מאָסקווער גאַס. איייניקע פאַרבּייגייער האָבּן זיך אומגעקערט, נאָכ־געקוקט, עפּעס אַזאַ שטילע לויה אָן איין לעבּעדיקן מענטשן. מער נייגעריקע זיינען צוגעגאַנגען און געפרעגט דעם שמש, וואָס איז געזעסן אַפן וואָגן און געדרעמלט. ווער איז עס געשטאָרבּן ? — „כ'וויים עפּעס א היימלאָזער מלחמה־קאַליקע“ האָט געענטפערט דער שמש. זיי פלעגן אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ, ווי זיי וואָלטן וועלן עפּעס יוצא זיין, און אַוועקגיין. איז דען דאָס געווען אַ נייס, אַז אַ מלחמה־קאַליקע שטאַרבּט, ווייניק זיינען זיי דען געשטאָרבּן אין די קריגס־שפּיטאַלן אין די וועלדער און פעלדער ? און וואָס פאַר אַ ווירדע האָט בּיכלל געהאַט אַ מענטש אין יענע צייטן...

ווער האָט געקענט וויסן, וואָס פאַר אַ קדוש, וואָס פאַר אַ מלחמה־קרבּן עס ליגט דאָ אין דעם שוואַרצן קאַסטן ? ווער האָט גע־קענט וויסן אַז דאָס איז דער לעצטער אַקט פון אַ פאַמיליען־טראַגעדיע, וואָס די פאַרשאָלטענע וועלט־מלחמה האָט רואינירט און אונטער־געבּראַכט...

*

גאָר שטיל איז פאָרגעקומען די קבורה. עס איז קיינער ניט געווען ווער עס זאָל אים בּאַווייגען, ווער עס זאָל נאָך אים אַ טרער אַרויסלאָזן, בּלויז די עטלעכע שמשים האָבּן זיך מתעסק געווען מיט אים. אַ שטיין האָט געקענט רירן זעענדיק ווי בּערל איז געלעגן אין קבר אַ צעשני־טענער פון פלמעסן, אַף איין האַנט. די אַנדער האַנט איז געווען וויים, וויים ערגעץ וואו אַף די פעלדער פון גאַליציען... מען האָט בּאַדאַרפט פאַרבּייפירן אַלע מלחמה־שולדיקער פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט פאַרן קבר. זאָלן זיי אָנזען זייער פאַרבּרעכערישע קולטור־אַרבּעט, דעם סוף וואָס זיי האָבּן געמאַכט פון אַ פאַמיליע...

אינדערשטיל, אַ וואָרט ניט אויסריידנדיק האָבּן די שמשים דעם קבר פאַרשאָטן, ווי פון יוצא־וועגן האָט אַ שמש אינדערגיך אָפּגעמורמלט דעם ערשטן און לעצטן קדיש, אַריינגעשטעלט אין פרישן בּערגל אַ קליינע בּרעטל מיטן נומער פון קבר און אַוועק.

עס איז קיינער ניט געווען ווער עס זאָל אופּפּאַסן דעם קבר אָדער שטעלן אַ קאַסטן, גאָר אינדערגיך האָבּן די רעגנס צעשווייינקט דעם קבר און פון בּערגל ערד איז גאָרנישט געבּליבּן... בּלויז די בּרעטל מיטן נומער איז קרום געבּליבּן ליגן, אַלס אַ זוכר אַז דאָ איז אַ פאַר־געסענער קבר...

בּלויז די קליינע בּרעטעלע איז געבּליבּן פון אַ גאַנצער פאַמיליע אַלס אַ קליינער שאַנדפלעקעלע פאַר די אַלע, וועלכע האָבּן אומזיסטע מלחמות און נישט נויטיקע קרבּנות אַף דער וועלט געבּראַכט...


ערשטקלאַסיקער גאַרדעראָבּו-הויז

א. גראבין, ריגע

19 № מאַריען גאַס № 19

(אַפן ווינקל קל. נעווואַ גאַס).

לייגט פאָר אַ רייכן אויסוואַל זוויבּער אויסגעפירטע הערן־ און דאַמען-גאַרדעראָבּן.

נייעסטע פאַסאָנען. מיטעלע פּרייזן.

Кофейно-цикорная фабрика

„О Л Е Н Ь“

Влад. Г. МЕЙТИН и Сья

Рига, Рыцарская 52, тел. 31128.

Вырабатывает разные сорта кофе цикория, из которых всемирно известны:

Шоколадно-ванильный кофе «Олень»

Кофе «Мокка» Олень» «Лайма» «Олень»

Шоколадный цикорий «Олень»

и много других всеми излюбленных сортов.

Lettländische Britische Industrie- & Handels- Aktien-Gesellschaft

**R. Feldhuhn & Co.**

Baumwollspinnerei, Weberei und Färberei, Import und Engrosslager von Manufakturwaren

Fabrik:

Sassenhof, Champeterstrasse 36.

Telephone: 33215, 33649.

Kontor und Niederlage:

Weberstrasse № 14.

Telephone: 23380, 23378, 20895.

Telegramm-Adresse: BRITLAT. Postfach 251.

# אַפן מערב־פראָנט איז רואיק.

עריך מאריא רעמארק.
אידיש — מאַרק ראַזומני.
פארלאג „ביכער פאר אלעמען‟, ריגע.

אין אָנהויב פון פאָריקן יאָר האָט אַ יונגער מחבר אין דייטשלאַנד אַרויסגעגעבן אַ בוך מיטן נאָמען „אַפן מערב־פראָנט איז רואיק‟. זיין נאָמען — עריך מאַריאַ רעמאַרק — איז כמעט קיינעם נישט געווען באַקאַנט. איצט איז זיין בוך אין משך פון די צען חדשים פאַרקויפט געוואָרן אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרן און עס ווערט גערימט אַלס איינע פון די שטאַרקסטע ביכער, וואָס זיינען אַרויס אין דייטשלאַנד נאָך דער מלחמה, און טאַקע וועגן דער מלחמה געשריבן. לעאָנאַרד פראַנק שרייבט, אַז אַזאַ בוך ווערט נאָר איינמאָל אין אַ יאָרהונדערט געשריבן. רעמאַרקס בוך איז געוואָרן דאָס פאַרשפּרייטסטע בוך אין דייטשלאַנד פאַר דער לעצטער צייט. אַחוץ דער אידישער אויסגאַבע, וואָס איז אַרויס איינצייטיק מיט דער דייטשער, איז דאָס בוך שוין איבערגעזעצט געוואָרן אַף ענגליש, פראַנצויזיש, האָלענדיש. שוועדיש, דעניש, נאָרוועגיש, אונגאַריש, שפּאַניש, טשעכיש, פּויליש, איטאַליעניש, רוסיש, לעטיש, פיניש און יאַפּאַניש. עס איז געוואָרן דאָס פּאָפּולערסטע מלחמה־בוך אין גאָר דער וועלט.

דער באַזונדערער, אויסערגעוויינלעכער דערפאָלג פון דעם בוך פאַרדינט. מען זאָל זיך אַף אים אָפּשטעלן. דער עצם פאַקט פון אַזאַ פאַראינטערעסירונג מיט אַ בוך אין גאָר דער וועלט איז אַ דערשיינונג, נאָך מער, אַ גרויסע געשעעניש. אָט די אויסערגעוויינלעכע פאַרשפּרייטונג איז דער בעסטער באַווייז, ווי אַזוי דאָס בוך האָט געטראָפן צום האַרצן פון די לעזער, סיי פון יענע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער מלחמה, און האָבן איצט געפונען אין דעם דאָזיקן בוך זייער אייגן פּיין און לייד, סיי פון אַזעלכע, וואָס זיינען אַליין ניט געלעגן אין די אָקאָפּעס און וואָס זיי האָט דער בוך געעפנט די אויגן און געוויזן דעם אמתן פּרצוף פון דער מלחמה.

רעמאַרקס ריין מענטשלעכער און נאַטירלעך־איינפאַכער בוך האָט באַוויזן, אַז ס'איז איבעריק אויסטראַכטן אויסטערלישע, גרויזאַמע, שוידערלעכע זאַכן, ווען דער לעבן אַליין איז גענוג אויסטערליש, גרויזאַם, שוידערלעך. אין דעם ליגט דער כח פון דעם בוך און דאָס איז דער סוד פון זיין גרויסן דערפאָלג.

וועגן רעמאַרקן איז שוין אַ סך געשריבן און גערעדט געוואָרן. ניט אַזוי איינהייטלעך איז געווען דער קבלת פּנים מצד דער קריטיק. אַ טייל קריטיקער האָבן געפונען גרויסע ליטעראַרישע און נאָך גרעסערע מענטשלעכע מעלות אינם ווערק, אַנדערע האָבן אַרויסגערוקט אַ סך באַוואָרענישן, און נאָך אַנדערע, פאַר וועמען די מלחמה איז געווען „אַ גוט געשעפט‟, אַ פעטער ביסן, האָבן אינגאַנצן אַוועקגעמאַכט דאָס בוך, וואָס מער עס איז געוואַקסן דער טיראַזש זיינער, וואָס מער די באַרימטקייט פון מחבר; זי איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז מען האָט אים אַרויסגערוקט פאַר אַ קאַנדידאַט אַף דעם נאָבעל־פּרייז פאַר שלום — און דאָ האָבן זיך נעלאָזט הערן די שטימען פון די קעגנער, פון די פּאַטריאָטישע מלחמה־העצער, וועלכע זוכן נאָר אָפּצולעקן אַ פעטן ביינדל פון דעם „געשעפט‟.

מיר, אינוואַלידן, מוזן אָבער צוגיין צו דעם בוך גאַנץ אַנדערש. רעמאַרק האָט מיט זיין ווערק געעפנט אונזערע נאָך ניט פאַרהיילטע וואונדן, רעמאַרק האָט ענדלעך געעפנט די מויל און גערעדט פאַר אונז אַלעמען, וואָס זיינען געלעגן אין די אָקאָפּעס, וואָס זיינען פאַרלייזיקט און פאַרשמוצט געוואָרן, וואָס האָבן געשאָסן און זיינען דערשאָסן געוואָרן, וואָס האָבן די מלחמה ניט געזען פון דער פּערספּעקטיוו פון די גענעראַל־שטאַבן, פון די קאַנצעליאַריעס און רעדאַקציעס, נאָר וואָס האָבן זי איבערגעלעבט ווי אַ וואָכעדיקן, מאָנאָטאָנעם טאָג. רעמאַרקס בוך האַלטן מיר דערפאַר פאַר דעם שטאַרקסטן דאָקומענט פון דער גרויסער „וועלט־שחיטה‟. רעמאַרק דערציילט, וואָס די מלחמה האָט געמאַכט מיט אונז. פּשוטע סאָלדאַטן, וואָס זיינען פאַרוואָרפן געוואָרן אין די טראַנשייען, וואָס האָבן געליטן פּיין און נויט, וואָס האָבן געזען נאָר בלוט, גרויל, אומקום, קאַמף און טויט. די ווייניקע מאָמענטן, וואָס זיינען פאַראַן אין בוך פאַרנעמען זיך בלויז מיט אָט דער ריין־מענטשלעכער איבערלעבונג אין דער מלחמת, זיי מיידן אויס יעדע פּאָליטישע, סאָציאַלע אָדער רעליגיעזע שטעלונג. די סיטואַציעס אין בוך זייגען אמתדיקע און איבערגעלעבטע, זיי זיינען ניט איבערטריבן ניט אין איין זייט און ניט אין דער צווייטער.

דאָ אין דעם בוך פילן מיר, וואָס עס קומט פאָר אין די מענטשן, פאַרוואָס זיי שטאַרבן און ווי אַזוי זיי שטאַרבן. מיר פילן דאָס מיט אַ מוראדיקן צער און עס דוכט זיך, אַז דאָס האָט גאָרניט געקענט פאָרקומען, אָבער ניין, — עס איז פאָרגעקומען ערשט אַ יאָר עלף צוריק, עס איז אַ שווערער אמת, ער איז נאָך קלעפּיק פון בלוט, אָט דער אמת, עס הערט זיך נאָך פון אים דער ריח פון טויט, — ווער ווייס דאָס נאָך אַזוי, ווי מיר, אינוואַלידן. אַזוי האָבן געליטן די דייטשע סאָלדאַטן אין די אָקאָפּעס, אַזוי האָבן געליטן די פראַנצויזישע, ענגלישע און אַזוי האָבן געליטן די רוסישע, אַזוי האָט טאַקע אויסגעזען דער מלחמה־טאָג אין זיין גאַנצן פאַרלויף, אין זיינע פּויזעס און אין זיין טאָגטעגלעכן לעבן, אַזוי איז עס געשען, מען פילט דאָס אין יעדער שורה באַזונדער.

אַסך, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אַליין די וועלט־מלחמה, לייענען איצט רעמאַרקן און זאָגן דערביי: „דאָס איז גאָר? דאָס איז דאָך אַזוי פּשוט, אַזוי אמתדיק! איך האָב עס דאָך אַליין איבערגעלעבט און וואָלט עס דאָך אויך אַזוי פּשוט דערציילט!‟

אַזוי דערציילן קען נאָר אַ סאָלדאַט, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט די אַלע פּיין און לייד, רעמאַרק אַליין איז צו 18 יאָר אַוועקגעריסן געוואָרן אַף קריג. ווי אַ פּשוטער סאָלדאַט אַפן מערב־פראָנט, אַליין דורכגעליטן דעם לעבן אין די פאַרשאָלטענע אָקאָפּעס, דורכגעמאַכט דעם גאַנצן גהינום פון, ווייטיק, לייד, וואָס עס קומט נאָר פאָר אַפן פראָנט, געווען צוויי מאָל פאַרוואונדעט, איינמאָל אַזוי שטאַרק, אַז ער ליידט נאָך דערפון ביז צום היינטיקן טאָג.


דייטשע געפאַלענע סאָלדאַטן בײַ די פראַנצויזישע דראָט־פאַרצוימונגען.

ס'איז ריכטיק, ווי דער באַוואוסטער קריטיקער ש. ניגער שרייבט וועגן רעמאַרקן, „אַז עס איז גוט, וואָס מען פאַרלאַנגט פאַר רעמאַרקן די שלום־פּרעמיע און ניט דעם נאָבעל־פּרייז פאַר ליטעראַטור, זאָל עס נישט ווערן קיין ליטעראַרישער ענין, זאָל ניט ווערן נאָך אַ קלאַסיקער‟.

רעמאַרקס בוך דאַרף בלייבן אַזוי, ווי דאָס ווערט פון אונז אויפגענומען, אַלס אַ שווערער

72761



אמת, ניט קיין דיכטונג; לעבן, פּײן, און ניט קיין קונסט. זאָל עס וועקן, זאָל עס מאָנען און שטום שרײען, ניט באַאומרואיקן אונז. זאָלן עס לײענען די מאַמעס פון די קומענדיקע פאָלס און קעמעריכם באַ אַלע פעלקער אין אַלע לענדער — און זאָלן זײ נישט זאָגן, אַז זײ האָבן דורכגעלײענט אַן „אינטערעסאַנטן בוך", נאָר שווערן זאָלן זײ אַז זײ וועלן ניט לאָזן פירן זײערע קינדער צו דער עקידה. זאָלן זײ עס לײענען און אָננעמען זיך מיט מוט צו זײן גרײט צו „לײגן זיך אַף די רעלסן" און ניט לאָזן די באַנען אַוועקפירן די יוגנט צו דער שחיטה, ווען עס וועט ווידער קומען דער פינצטערער טאָג פון דער מלחמה, זאָלן עס לײענען די לערערס — און ווײסן ווי אײנצופלאַנצן אין דעם יונגן דור האַס און עקל צו אָט דעם מיאוסטן פון אַלע מענטשלעכע אומגליקן, זאָלן זײ עס לײענען און ניט וואַגן מער צו זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן דעם קריגס-פּאַטריאָטיזם...

זאָל עס בלײבן אַן אָ פ ע נ ע וו א ו נ ד, אַ התראה, אַ וואָרנונג, זאָל מען עס געדענקען אַף דור דורות.

קײן שום מאָדערנער מחבר האָט שטאַרקער ניט באַשריבן אַ שלאַכט, אַ גאַז-אַנגריף, אַן אויג אין אויג מלחמה, אַ באַזוך אין דער הײם, אַ געשפּרעך און אָפּשײד פון אַ מוטער, ווי רעמאַרק. קײנמאָל קען מען ניט פאַרגעסן דעם קאַפּיטל, ווי „דער שטורם-פײער איבער דעם שטילן בית-הקברות", קײנמאָל קען מען ניט פאַרגעסן דעם קאַפּיטל „דאָס שטאַרבן פון זײן דערשטאָכענעם שונא". — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

... עס איז נויטיק אַרויסצושיקן אַ פּאַטרול, כדי אויסצוגעפינען ווי ווײט עס ציען זיך דעם שונאס פּאָזיציעס. אין צוזאַמענהאַנג מיט מײן אורלויב האָב איך עפּעס אַ מין שולד-געפיל לגבי מײנע חברים, און דעריבער רוף איך זיך אַרויס מיטצוגײן מיטן פּאַטרול, מיר רײדן אָפּ דעם פּלאַן, קריכן דורך די דראָט-פאַרצוימונגען און גײען זיך דעמאָלט פאַנאַנדער, כדי ווײטער צו פויזשען אײנציקווײז. אין אַ ווײלע אַרום געפין איך אויס אַ פלאַטשיקן גרוב אין וועלכן איך קריך אַרײן. פון דאַנען באַקוק איך דעם געגנט. דער גאַנצער שטח ווערט באַשאָסן מיט קוילן-וואַרפערס. דערווײל איז אַביסל ליכטיקער געוואָרן, לעבן מיר טראָגן זיך האַסטיקע שפּרײזן, די ערשטע אַוועק, אַנדערע קומען. דאָס קנאַקן פון די קוילן-וואַרפערס הערט גאָר ניט אויף, איך וויל זיך איבערדרײען, אין דער זעלבער רגע, טוט עפּעס אַ קלאַפּ און צו מיר אין גרוב פאַלט אַרײן אַ קערפּער, קײקלט זיך אַראָפּ, ליגט אַף מיר — איך טראַכט נישט, איך קלער נישט — איך שטעך אים ווילד אַרײן מײן מעסער און איך פיל נאָר ווי דאָס לײב טוט זיך אַ צאַפּל, נאָכדעם ווערט עס אָפּגעלאָזן און פאַלט צוזאַמען, ווי אַ לײדיקער זאַק. ווען איך קום צו זיך, שפּיר איך, אַז מײן האַנט איז קלעפּיק און נאַס.

ער כאָרכלט, עס דאַכט מיר אויס, אַז ער ברומט, אַז יעדער אָטעם זײנער איז אַ ווילדער געשרײ, אַ דונער — אָבער דאָס שלאָגן נאָר אַזוי טומלדיק מײנע אָדערן. מיר ווילט זיך אים צוהאַלטן די מויל, זי פאַרשטאָפּן מיט בלאָטע, דערשטיקן, אים נאָכאַמאָל אַרײנשטעכן דאָס מעסער, ער זאָל שטיל ווערן, ווײל ער וועט דאָך מיר אַרויסגעבן, אָבער איך בין שוין אַף אַזוי פיל ניכטער און איך בין פלוצלונג אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז איך קאָן מער בשום אופן ניט אופהויבן די האַנט אַף אים. איך פאַרקריך אין דעם ווײטסטן ווינקל און בלײב דאָרטן ליגן מיט די אויגן אומבאַוועגלעך אײנגעריסן אין אים, דאָס מעסער פעסט אײנגעקלאַמערט, גרײט ווײטער אים צו שטעכן, ווי נאָר ער וועט זיך אַ ריר טאָן, — אָבער לויט זײן כאָרכלען, הער איך, אַז ער וועט שוין מער גאָרנישט ניט קענען טאָן.

איך זע אים אומקלאָר, אײן פאַרלאַנג ברענט אין מיר, אַרויסצוקומען פון דאַנען, ווען דאָס וועט תיכף ניט געשען, וועט שפּעטער ווערן צו ליכטיק, איצט אַפילו איז דאָס שוין אײך ניט לײכט. אָבער ווען איך פּרוּאוו אופהויבן דעם קאָפּ, זע איך, אַז דאָס איז אוממעגלעך. דאָס פײער פון די קוילנוואַרפערס קאָסיעט דעם גאַנצן שטח אַזוי, אַז אײדער איך וועל נאָך באַווײזן אַ שפּרונג צו טאָן, ווײל איך שוין דורכגעלעכערט ווערן, ווי אַ זיפּ. עס ווערט אַלץ ליכטיקער. איך וואַרט זשעדנע אַף אונזער אַטאַקע. מײנע הענט זײנען שוין ווײס געוואָרן באַ די קנעכלעך, אַזוי שטאַרק דריק איך זײ צוזאַמען אין מײן תפילה, אַז דאָס פײער זאָל זיך אָפּשטעלן, און מײנע חברים זאָלן שוין קומען. אַ רגע נאָך אַ רגע גײט אַוועק. איך פועל ניט באַ זיך אַפילו נאָך אײן קוק צו טאָן אַף דאָס טונקעלע געשטאַלט פון מײן שכן, איך טו אַ קוק אַף מײן בלוטיקע האַנט און איך דערפיל אַ פלוצלונגדיקן עקל, איך רײב אײן די הויט מיט בלאָטע, איצט איז די האַנט בלאָטיק, זעט מען לכל-הפּחות מער ניט דאָס בלוט. די שיסערײ שטעלט זיך ניט אָפּ — בײדע זײטן גיבן פײער, באַ אונז האַלט מען מיך שוין מסתמא לאַנג פאַר אומגעקומען.

ס'איז שוין העלער, גראָער באַגינען. דאָס כאָרכלען דערטראָגט זיך נאָך, איך האַלט זיך צו די אויערן, אָבער איך נעם באַלד ווידער אַוועק פון זײ מײנע פינגער, ווײל איך דערהער נישט די אַנדערע גערוישן, דאָס אַנטקעגנדיקע געשטאַלט נעמט זיך רירן, אַ פּחד באַפאַלט מיר און איך קוק ניט ווילנדיק אַהין. איצט קאָן איך שוין מײנע בליקן מער פון אים ניט אָפּרײסן. דאָ ליגט אַ מענטש מיט קלײנע וואָנסעלעך, זײן קאָפּ איז אַראָפּגעבויגן אַף אַ זײט, אײן אָרעם איז האַלב געבויגן, איבער אים ליגט אָפּגעחלשט דער קאָפּ, מיט דער אַנדער האַנט האַלט ער זיך פאַר דאָס פאַרבלוטיקטע האַרץ.

ער איז טויט, — טראַכט איך מיך, — ער מוז שוין זײן טויט, ער פילט שוין איצט גאָרנישט... דאָך פּרוּווט זיך באַ אים דער קאָפּ אופצוהויבן... אַ קלײנע ווײלע ווערט דאָס כאָרכלען שטאַרקער, אָבער באַלד פאַלט דער קאָפּ צוריק אַף דער אויסגעקרימטער האַנט. ער איז נאָך ניט טויט, איצט שטאַרבט ער! איך רוק מיך צו נעענטער צו אים, בלײב שטיל, שטעל מיר אויף די הענט, רוק זיך צו אים נעענטער, וואַרט ווידער אַ סעקונדע רוק זיך צו אים נאָך נעענטער — אַ שרעקלעכער מהלך מוז איצט זײן אָט די דרײ מעטער צו אים, ווײל עפּעס קאָן איך מיר גאָרנישט דערשלעפּן. ענדלעך בין איך באַ אים. ער עפנט די אויגן. ווי עס שײנט האָט ער מיך געהערט צוקריכנדיק, און ער קוקט מיך איצט אָן מיט אַן אויסדרוק פון אומבאַשרײבלעכן גרויל, דער גוף איז אומבאַוועגלעך, אָבער אין די אויגן באַווײזט זיך אַן אויסטערלישער אימפּעט, און אַף אַ רגע טו איך אַ טראַכט, אַז זײ ווילן פאַרמאָגן אַזוי פיל כח, כדי אַ ריס צו טאָן נאָך זיך דעם גאַנצן גוף אַף אַ מהלך פון הונדערטער קילאָמעטערס מיט אײן שטופּ. איצט איז ער שטיל, לחלוטין רואיק, זײן כאָרכלען האָט אופגעהערט, אָבער די אויגן שרײען, ברומען, אין זײ האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן צונויפגעשמאָלצן אין אַן אומגעווײנטלעכער אָנשטרײנגונג צו אַנטלויפן, אין אַ גוואַלטיקן חיה'שן שרעק פאַרן טויט, פאַר מיר. איך טו אַ פאַל אַף די עלנבויגנס און מײנע געלײנקען קנאַקן.

„ניין, ניין", שעפּטשע איך, איך וועל דיר גאָרנישט טאָן... די אויגן גײען מיר נאָך, כל-זמן זײ קוקן מיר נאָך, בין איך ניט בכח זיך אַ ריר צו טאָן. זײן האַנט פאַלט פּאַמעלעך אַראָפּ פון ברוסט, נאָר אַף אַ קלײן שטיקעלע פאַלט זי אַראָפּ, אָבער די דאָזיקע באַוועגונג שוואַכט אָפּ דעם אימפּעט פון די אויגן. איך בויג זיך צו אים, שאָקל מיטן קאָפּ און שעפּטשע: „ניין, ניין, ניין", איך הויב אויף אַ האַנט, איך מוז אים ווײזן, אַז איך וויל אים נאָר באַהילפיק זײן, און טו אים אַ גלעט איבערן שטערן. בעת איך הויב אויף מײן האַנט, קוקן די אויגן זי נאָך, זײ פאַרלירן איצט זײער אומבאַוועגלעכקײט, די וויעס לאָזן זיך טיפער אַראָפּ, די שפּאַנונג לאָזט אָפּ. איך קנעפּל אים אויף דעם קאָלנער און מאַך צורעכט די אומבאַקוועמע לאַגע פון קאָפּ.

דאָס מויל איז באַ אים האַלב אָפן; ער וויל, קענטיק, עפּעס זאָגן, נאָר די ליפּן זײנען אים טרוקן, איך וויל אים געבן צו טרינקען פון מײן פעלד-פלאַש, האָב איך זי אָבער נישט מיט זיך, איך קלעטער צוריק אין גרוב אַרײן, קוועטש אויס, מיט דער הילף פון מײן נאָזטיכל אַ ביסל בלאָטע, אַ געל ביסל וואַסער קומט אַרויס און איך דערלאַנג עס אים צו טרינקען. ער זופּט דאָס אויס, איך ברײנג אים נאָך, נאָכדעם קנעפּל איך אָפּ זײן מונדיר, כדי אים אַביסל צו פאַרבאַנדאַזשירן. אויב עס וועט זיך לאָזן. בכל אופן מוז איך דאָס טאָן, כדי יענע, אויב זײ וועלן מיך כאַפּן זאָלן זען, אַז איך האָב אים געהאָלפן, און זײ זאָלן מיר ניט שיסן. ער פּרוּווט זיך אָפּוועדן, אָבער זײן האַנט איז צו שוואַך דערצו. דאָס העמד איז צוגעקלעפּט צו

# דעם ברודערס קוילן.

אברהם רייזען.

קיינמאָל איז נאָך דייוויסאָנען נישט אָנגעקומען אזוי גרינג צו באַקומען אַרבעט אין אַמעריקע ווי דאָסמאָל. אין געשעפט פון דער גרויסער אַמוניציע=פאַבריק האָט מען אים שטריינג, אָבער אָן זייטיקע באַמערקונגען און פראַגן אָנגענומען. אים איז אפילו געווען פארשפארט צו דערציילן זיין יחוס, אַז ער איז אַ שלאָסער פון פראָפעסיע. די הויפט=שאלה איז נאָר געווען, פון וועלכן לאַנד ער איז אַ געבאָרענער, דאַן האָט ער געענטפערט, אַז ער איז שוין אַן אַמעריקאַנער „בירגער" און געוויזן די פאַפירן... עס האָט, קענטיק, אַביסל געשטערט, וואָס ער שטאַמט פון אַ שטעטל אין גאַליציען, דאָס האָט ער באַמערקט אי דער נאָז פון דעם פאַרוואַלטער, וועלכער האָט די פאַפירן דורכגעקוקט אָבער אויך דערויף האָט מען זיך ניט אָפגעשטעלט. דערפאַר האָט מען זיך וועגן פרייז נישט געדונגען. דער פרייז איז געווען גאָר אַ גוטער. אַרבעטנדיק אין די בעסטע אַמעריקאַנער וואַרשטאַטן, האָט ער נאָך אַזעלכע שכירות נישט באַקומען און איז טיף אין האַרצן דאַנקבאַר געווען, נישט וויסנדיק אַליין וועמען, וואָס ענדלעך וועט ער מאַכן אַ שיינעם לעבן, ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעמוטשעט, אמאָל אַרבעטנדיק פאַר קליינע שכירות און אַמאָל אַרומגייענדיק גאָר אָן אַרבעט.

די שטאָט וואו די אַרבעט איז פאָרגעקומען, איז געווען נישט באַזונדערש גרויס, אָבער זי איז געוואַקסן פון וואָך צו וואָך. אַדאַנק די אַמוניציע=פאַבריקן, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט אַלע טאָג טויזנטער גע=ציינג פאַרן מלאך המות איז די שטאָט אַליין לעבעדיקער געוואָרן, דייוידסאָן פלעגט אין דער פרי, פאָרנדיק צו דער פאַבריק און פאַרנאַכט צוריקפאָרנדיק פון דער אַרבעט, קוים דערשלאָגן זיך צו אן אָרט אין טראַמוויי.

דער דאָזיקער מענטשן=געדראַנג אין די טראַמווייען האָט אים דערמאָנט דאָס גרויסע ניו־יאָרק, און עס האָט אים אָנגענומען אַ שטאָלץ...

און אָפט האָט ער געטראַכט, אַז אויב די מלחמה וועט לאַנג דויערן, וועט די דאָזיקע קליינע שטאָט אַריבעריאָגן ניו־יאָרק. אַזוי האָט ער אויך געהערט ריידן צווישן די אַרבעטער.

און צוזאַמען מיט דער שטאָט איז אויך געוואַקסן די פאַבריק. אַרבעטער זיינען געשטאַנען און צוגעבויט אַלץ נייע געביידעס, אַזוי, אַז אין פארלויף פון עטלעכע חדשים איז דאָס גאַנצע שטיק פעלד, וואָס האָט זיך פריער געפונען ליידיק פאַרבויט געוואָרן מיט אַ קייט פאַבריקן.

אויבן אין דער הויך, אונטערן דאך פון די פאַבריקן, איז ברייט און לאַנג געהאַנגען אַ שילד מיט פשוטע שוואַרצע ווערטער, וואָס האָבן אויסגערעכנט אַלערליי מינים געווער, וואָס די פאַבריקן האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן. דייווידסאָן האָט דאָס געשריבענע אפן שילד ערשט דורכגעלייענט אין אַ צייט אַרום, ווייל די ערשטע צייט פלעגט ער אָן שום באַאָבאַכטונגען גלייך אַריינגיין אין פאַבריק. און וואָס גייט אים דען אָן אַלע נעמען? ער אַליין אַרבעט בּאַ די קוילן פאַר די ביקסן. די קוילן זיינען אַלע גלייך, איין מאָס! אָבער פיל האָט ער ניט געטראַכט וועגן זיי. טיילמאָל האָט ער גאָר פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע קוילן וועלן דאַרפן לעבערן מענטשלעכע קעפּ און הערצער און אויעקלייגן אַ לעבע־דיקן יונגמאַן אַף טויט. שפּעטער האָבן בּאַ אים די קוילן באַקומען דאָס אויסזען פון שפּילצייג פאַר קליינע קינדער.

ערשט אין אַ צייט אַרום, אַז ער האָט באַקומען אַ בריוו פון דערהיים, וואו מען איז אים מודיע, אַז זיין אינגערער ברודער איז אַוועק אין קריג, האָבן בּאַ אים די קוילן באַקומען אַן אויסזען ווי לעבעדיקע באַשעפענישן, און איינמאָל, אַז ער האָט אַ קויל גענומען אין האַנט, איז עס ווי מיט אַ גלעכטער פון האַנט אַרויסגעשפּרונגען און זיך צערעדט:

— וואָס זאָגסטו עפּעס, דייוידסאָן צו דיין ברודער?

דייווידסאָן האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט גענומען צוריק די קויל, באַטראַכט זי און זיך פעסט איבערציינגט, אַז אָט די קויל וועט זיכער טרעפן דעם ברודער.

האָט ער גענומען די קויל און, אומקוקנדיק זיך, צי קיינער זעט נישט, באַהאַלטן זי אין קעשענע.

און ער האָט דערפילט, אַז ער האָט געראַטעוועט זיין ברודער פון אַ זיכערן טויט.

אָבער נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן מאָרנע מיני קוילן. איין קויל האָט ער חושד געווען, אַז זי וועט אַריינדרינגען דעם ברודער אין אויג. דאָס האָט ער דערקענט נאָך איר מאָרנעם באַהאַלטענעם שמייכל, נו געוויס וועט דייווידסאָן נישט דערלאָזן צו אַזאַ זאַך.

מיט שרעק האָט ער זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און די דאָ=זיקע קויל ווידער אַריינגעלייגט אין קעשענע.

איצט איז ער שוין גאָר רואיק: ווידער געראַטעוועט דעם ברודער.

ער האָט פריער אָפגעאָטעמט און זיך גענומען פעסטער צו דער אַרבעט.

פאַרן אַוועקגיין האָט זיך אַם ווידער געוויזן אַ קויל, וואָס האָט אויסגעזען פונקט צוגעפאַסט פאַרן ברודערס רעכטער האַנט...

ער איז זיכער, אַז די קויל וועט גלייך אַיין און אַרעם, אָט דאָ — אָ.

נאַטירלעך, וועט ער עס נישט דערלאָזן. און דייווידסאָן האָט אויך באַהאַלטן די קויל טיף אין קעשענע.

פון דער אַרבעט איז ער שוין נישט געפאָרן גלייך אַף זיין וואוי=נונג, ווי ער האָט געטאָן אַלע טאָג. ער איז אין מיטן וועג אַראָפּגע־שטיגן בּאַ אַ שיינק, בגנבה אַריין אינייניק, און געבעטן אַ גלעזל בראַנפן.

אויסטרינקענדיק דאָס גלעזל בראַנפן, האָט ער זיך דערפילט מוטיקער, האָט אַריינגעלייגט די האַנט אין קעשענע און זיך געשפּילט דאָרט מיט די דריי קוילן...

אַף מאָרגן אָבער האָבן זיך בּאַ דער אַרבעט ווידער גענומען ווייזן פאַרדעכטיקע קוילן... איינע האָט מיט אַלץ מין באַהאַלטענער




## ווייסע ציינער

מאַכן יעדע געזיכט אנציענד און שיין. אָפט גלייך נאָך די ערשטע רייניגונג מיט דער אויסגע=ציינכנטער ערפרישנדער צאָן=פּאַסטאַ „כלאָראָדאָנט" קריגן אייערע ציינער אַן אויסגעצייכנטע פאַרב פון העלפאַנס=ביין, אויך אין די אויבערשטע זייטן טיילן, ווען דערביי וועט גלייכצייטיק אויך געברויכט ווערן די ספּעציעל דערצו קאָנסטרואירטע צאָן=בערשטל „כלאָראָדאָנט" מיטן געצאַקטן בערשטן=שניט. אַ דאַנק דער דאָזיקער פאָרם פון באַרשטן, ווערן גרינטלעך ענטפערנט פון די צווישנרוימען פון די ציינער די פוילנדע שפּייזרעסטן, וואָס פאַראורזאַכן דעם שלעכטן גערוך פון מויל. נעמט שוין גלייך אויף פּראָבע אַ טובע צום פּרייז פון 70 סאַנטים.

צאָן=בערשטלעך «כלאָראָדאָנט» פאַר דאַמען (ווייכע באַרשטן) לאַט 1.70, פאַר הערן (האַרטע באַרשטן) לאַט 1.70. עכטע נאָר מיט דער גרין=בלאָער אָריגינעלער פאַרפּאַקונג מיט דער אויבער=שריפט «כלאָראָדאָנט» פאַרקויפט זיך איבעראַל.

72763



דרוואונג געקוקט אַף דייווידסאָנען, אַז ער האָט זי גלייך צוגעכאַפּט און אַריינגעלייגט טיף אין קעשענע.

דערפילט זיך אַ ווייַלע גרינגער, האָט אָבער גלייך אַ צווייטע און נאָכדעם אַ דריטע און אַ פערטע דאָס זעלבע אויסזען באַקומען.

אַ מאָדנע זאַך, ער הויבט אָן דערקענען יעדע קויל, וואָס דאַרף אַריינפאַלן אין זיין ברודערס קערפּער.

און ער האָט די אַלע קוילן אַרויסגעכאַפּט און נאָך יעדן מאָל געטאָן אַ שמייכל.

שפּעטער אָבער האָט ער שוין נישט געקענט אַף זיכער אונטערשיידן, וועלכע קויל וועט יאָ טרעפן דעם ברודער און וועלכע נישט, — און ער האָט געמוזט אויסכאַפּן צו צוויי דריי מיט אַמאָל.

דאַן האָט ער נאָך דער אַרבעט געטרונקען דאָפּלטע גלעזער בראַנפן.

און נאָך שפּעטער האָט ער באַמערקט, אַז אָט דער גאַנצער אויבערשטער פאַך קוילן איז זייער אַ פאַרדעכטיקער. עפּעס קוקן די אַלע אויבערשטע קוילן, ווי זיי וואָלטן זיכער געווען, אַז נאָר זיי וועלן טרעפן דעם ברודער.

און דייווידסאָן האָט געשווינד אַראָפּגעכאַפּט דעם גאַנצן אויבערשטן פאַך.

זיין קעשענע איז מיט אַמאָל פול געוואָרן.

ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און, דערזעענדיק דעם משגיח פון דער אָפּטיילונג, האָט ער גלייך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך גענומען ווידער צו די קוילן.

איצט וועט ער שוין מער נישט נעמען. די איבעריקע קוילן גייען אים שוין ניט אָן... דעם ברודערס קוילן האָט ער אַלע צוגענומען.

נאָר וואָס איז דער מער מיט דעם צווייטן פאַק?... עפּעס קוקן זיי אים אָן מיט אַ מאָדנעם אויסדרוק.

אָט בלויז דעם פאַק קוילן וועט ער נאָך אַראָפּכאַפּן און זיין ברודער וועט ניצול ווערן פון טויט.

אָבער דאַן איז שוין שפּעט געווען.

דער משגיח איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט אים געטאַפּט די קעשענעס, און אַרויסנעמענדיק פון דאָרט אַ הויפן קוילן, האָט ער אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— צו וואָס נעמט איר עס די קוילן?

און באַלד איז דער משגיח נאָך שטרענגער געוואָרן!

— צו וואָס גנבעט איר די קוילן?...

איז שוין דייווידסאָן בייז געוואָרן און זיך אָנגערופן:

— איך בעט אייך, זייט העפלעכער... איך גנבע נישט...

— וואָס דען טוט איר עס?

— הם... — איז דייווידסאָן צעמישט געוואָרן — עס זיינען דאָ געוויסע קוילן וואָס טויגן נישט...

— אַלע טויגן! — האָט דער משגיח אויסגעשריען.

און באַטראַכטנדיק די קוילן אין האַנט, האָט ער צוגעגעבן:

— וואָס הייסט זיי טויגן ניט?... וואָס זייט איר דען, אַן אינספּעקטאָר?...

— מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיקע קוילן וועלן...

— אַך, לאָזט צורו... איז דער משגיח בייז געוואָרן און האָט אַריינגעשאָטן צוריק די קוילן אין קאַסטן.

דאַן האָט דייווידסאָן זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן, האָט אָנגעקוקט דעם גרויסן קאַסטן, וואו עס זיינען געלעגן אויבן דעם ברודערס קוילן און האָט זיי שוין צוריק נישט געקענט באַקומען...

איצט איז דער ברודער פאַרלאָרן!

פאָרנדיק פון דער אַרבעט, איז ער ווידער אַראָפּגעשטיגן בא דער זעלבער שענק. ער האָט געמוזט אויסטרינקען דריי גלעזלעך בראָנפן. אנדערש האָט ער זיך נישט געקאָנט באַרויקן.

אָבער די דריי גלעזלעך האָבן נישט געהאָלפן. דער געדאַנק, אַז ער האָט אין פאַבריק איבערגעלאָזט אין קאַסטן דעם ברודערס אַלע קוילן — האָט אים נישט געגעבן קיין רו.

ער איז שנעל אַרויסגעלאָפן פון שענק און האָט זיך געלאָזט צו דער פאַבריק...

דאָרט אָבער האָבן אים די דעטעקטיווס פאַרשטעלט דעם וועג און איינער האָט שטרענג געפרעגט:

— וואוהין?

דאַן האָט דייווידסאָן מיט בלוט-פאַרגאָסענע אויגן אויסגעשריען:

— איך האָב דאָ געלאָזן מיין ברודערס קוילן... לאָזט מיך אַריין!... איך מוז ראַטעווען מיין ברודער...

אַ דעטעקטיוו האָט אַ פייף געטאָן. עס איז אונטערגעלאָפן אַ פּאָליציאַנט.

נעמט אים אין פּאַליציי אָדער אין דול-הויז, ווי איר פאַרשטייט...

דער פּאָליציאַנט האָט דייווידסאָנען גענומען אונטער דער האַנט און אים אַוועקגעפירט.

אַפן וועג האָט ער אים געפרעגט: — האָסט געוואָלט די פאַבריק אופרייסן?...

— אָ ניין!... האָט זיך דייווידסאָן אַ כאַפּ געטאָן — אופרייסן די פאַבריק? ניין, איך האָב נאָר געוואָלט מיין ברודערס קוילן אַרויסבאַקומען. איך האָב זיי אַליין געמאַכט... פאַרן ברודער...

און דייווידסאָן האָט זיך צעלאַכט מיט יענעם געלעכטער, מיט וועלכן עס לאַכן אַלע די, וועמעס הערצער עס פרעסט אַ שווערע חרטה...

דער פּאָליציאַנט האָט זיך פאַרטראַכט: — וואוהין פירט מען אים? אין פּאָליציי צי אין דול-הויז?

אַ שווער פּראָבלעם...

צום פלעגן די הויט
Scherk Gold-Cream
лучший губной карандаш
Ritz-PARIS
דער בעסטער ליפּן-שטיפט.

„OJA" — Paris
דער בעסטער נאַגל-לאַק אין דער וועלט
лучшая тушь для бровей
RIMMEL-Paris
דער בעסטער טוש פאַר די ברעמען.

# א דיינקמאל דעם אומבאקאנטן סאלדאט אין דיקסמיד.

*(א בריוו פון בעלגיען).*

א שטעטל, דיקסמיד הייסט דאס, וואו מ'דערקענט נאך איצט די שפורן פון דער לעצטער מלחמה. א שטעטל אין צפון-מערב פלאנדערן, נישט ווייט פון די ברעגן פון צפון-ים. דא זיינען פארגעקומען די מוראדיקסטע שלאכטן. די גאנצע געגנט איז פשוט אפגעווישט געווארן פון דער ערד. די צוריקגעקומענע איינוואוינער האבן געמוזט זיך נעמען אפזוכן דעם ארט פון זייער שטעטל. גאנצע פיר יאר זיינען דא פארגעקומען אומאויפהערלעכע שלאכטן! עס זיינען גאנצע בערג מיט טויטע דא געווען! אט דעם שמאלן פאס פון צפון-פלאנדערן האבן די פארבינדעטע אופגעהאלטן ביזן סוף פון קריג. דאס, וואס איז נאך פארבליבן פון פייער, איז אומגעקומען פון וואסער, בעת די בארימטע "אייזערנע שלאבטן", ווען דער בעלגישער מיליטער האט צעעפנט די שלוזן און פארטרונקען די גאנצע געגנט.

די אלטע שיינע פלעמישע שטעטל דיקסמיד, מיט אוצרות קונסט-זאכן, איז פארניכטעט געווארן אין די דאזיקע בלוטיקע שלאכטן. די גאנצע שטעטל איז געווארן איין בית-עולם, וואו עס רוען איבער הונדערק טויזנט לעבנס. קומען אהער אפטמאל אריבער ענגלישע און פראנצויזישע מאמעס און פרויען צו באוויינען זייערע אומגעקומענע זין און מענער. עס איז שוין געווארן א מין טוריסטן-באוועגונג, פון וואס די צוריקגעקומענע דיקסמידער ציען חיונה.

די שטעטל ווערט ביסלעכווייז צוריק אופגעבויט. אבער דער גרויסער בית-עולם פארנעמט דעם ארט פון דער פריערדיקער שטעטל, אזוי, אז די היינטיקע דיקסמיד ליגט שוין אביסל אין א זייט. נישט געווען קיין אנדער אויסוועג... אין שטעטל געפינען זיך היינט מאנומענטן פאר די געפאלענע ענגלישע, אמעריקאנישע, פראנצויזישע און בעלגישע סאלדאטן. די דאזיקע שווערע מאנומענטן ווארפן ממש אן א מרה שחורה. א, — ווען די געפאלענע דא וואלטן געקאנט זען "זייערע" מיליטערישע מאנומענטן!..

וואס פאר א בלוטיקע מלחמות עס זיינען שוין פארגעקומען אף דער דאזיקער פלעמישער ערד! וואס דיקסמיד האט שוין דורכגעמאכט אין איר לאנגער געשיכטע! די שטעטל האט הינטער זיך א געשיכטע פון אריבער טויזנט יאר. שוין אין 12-טן יארהונדערט האט עס געשמט מיט איר גרויסן האנדל, שרפות, מלחמות און דערנאך שרעקלעכע עפידעמיעס האבן חרוב געמאכט די שטעטל כמעט יעדע הונדערט יאר. אין סוף פון 14-טן יארהונדערט — דערציילן די ארכיוון — זיינען פארבליבן לעבעדיקע אין שטעטל קוים 92 מענטשן. יעדער דור אין דיקסמיד האט איבערגעלעבט א מלחמה. דערפאר בייט מען דא די הייזלעך אזוי לייכט-לופטיק, מ'ווייסט נישט, וואס דער מארגן וועט בריינגען... אין דיקסמיד דערציילט מען קינדער-מעשיות וועגן מענטשן, וואס זיינען געשטארבן מיט זייער נאטירלעכן טויט.

היינט איז אין דיקסמיד א גרויסער עולם פאראנען, ממש נישט צו דערקענען די שטעטל, איבער הונדערט טויזנט מענטשן זיינען זיך צונויפגעקומען פון אלע עקן פלאנדערן, פאראנען נישט ווייניק אזעלכע, וואס זיינען געקומען צו פוס פון גאנץ ווייט צו דעם גרויסן פייערונג. וואס איז?

בעלגיען האט שוין לאנג אין בריסל איר אומבאקאנטן זעלנער, אבער פלאנדערן וויל האבן איר אייגענעם מאנומענט פאר די געפאלענע פלעמישע סאלאטן. און דאס טוט מען היינט אין דיקסמיד.



געפאלענע קרבנות פאר «אומבאקאנטע» חטאים...

דער מאנומענט פאר די געפאלענע מאכט מיט זיין איינפאכקייט א שטארקן איינדרוק. ער שיידט זיך שטארק אונטער פון די איבעריקע קריגערישע פיגורן אף אים.

דאס באטאנט אויך דער פירער פון דער פלעמישער באוועגונג, וואס רעקט אוף דעם מאנומענט: "מיר זיינען ווייט פון קריגערישע אמביציעס, מיר פאראכטן די מלחמות פון וועלכער זייט זי זאל נישט קומען, מיר שטעלן דעם מאנומענט פאר די פלעמישע סאלדאטן, וואס האבן זיך נישט געשלאגן פאר זייער פרייהייט. די, וואס זיינען געלאפן ראטעווען די בעלגישע אומאפהיינגיקייט, האבן פארגעסן, אז מיט דעם לויפן זיי פארפעסטיקן די אונטערדריקונג פון פלעמישן פאלק. אונזער בלוט האבן מיר שוין גענוג פארגאסן פאר אנדערע. מיר האבן זיך שוין פון לאנג פארדינט אונזער אייגענע אומאפהענגיקייט. צו אונזער גרויסן ווייטיק שטייט אף דער זייט פון אונזערע קעגנער אונזער אייגענע גרויס-בורזשואזיע, וואס פאראכט די פלעמישע פאלקס-קולטור, אונזער באוועגונג איז דערפאר אן אמת פרייהייטלעכע פאלקס-באוועגונג א. א. וו.

די היינטיקע פייערונגען שיידן זיך מיט נאך עפעס אונטער פון די אלע מאנומענטן-פייערונגען לעצטנס אין בעלגיען. עס נעמען אין זיי אנטייל פארשטייער פון "געוועזענע דייטשע סאלדאטן-פאראייניקונגען", די דאזיקע פארשטייער זיינען געקומען אין א גרויסער דעלעגאציע און באצירט דעם מאנומענט מיט צענדליקער קרענץ. אויך זיינען דא פאראנען פארשטייער פון אירלענדישן פאלק. אלעמען וואונדערט באזונדער די דעלעגאציע פון פראנצויזישע געוועזענע סאלדאטן. מען נעמט זיי טאקע אוף מיט ספעציעלער אופמערקזאמקייט.

"דער אומבאקאנטער זעלנער" פון פלעמישן פאלק האט באקומען זיין תיקון...

*דיקסמיד.*

*ד. ל.*